קונטרס

# פתגם המלך

*

שיחות קדושות שנשמעו

**מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

בעת עריכת שלחנו הטהור

**ביום הפורים**

שנת תשע"ד לפ"ק

יוצא לאור ע"י

**מכון מעדני מלך וויען**

להשיג אצל

מכון מעדני מלך וויען

185 Wilson St.
Brooklyn N.Y. 11211
718.388.1751.#117

# תוכן הקונטרס

**שיחה א':**

הטעם שמקדימין זכירת מעשה עמלק לעשייה – נס פורים היתה בתוך דרכי הטבע – להתבונן שכל הנעשה בעולם הוא בהשגחה מיוחדת מאת הבורא ית"ש – כל אחד ואחד יכול לכרתוב מגילה מהקורות אתו משך ימי חייו ........ **א**

**שיחה ב':**

גודל האהבה והגעגועין של כנסת ישראל להקב"ה – מדרגת תשובה מאהבה שמהפך זדונות לזכיות – הקב"ה מבקש מאתנו לעורר הנקודה הפנימית שבלב לעבודתו ויראתו – מיונה הנביא למדנו גודל כח התפילה גם מתוך עמקי החשיכה ........ **יג**

**שיחה ג':**

טעם שקבעו מצות מתנות לאביונים - המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות - אחשורוש לא ביקש מס מהכלל ישראל אחר שקבלו עליהם עול תורה - עידוד וחיזוק ליקח ליקח הבחינות על הלימודים מידי חודש בחדשו ........ **כ**

**שיחה ד':**

כל הפושט יד להקב"ה נותנים לו משאלות לבו – מקרא מגילה נלמד מקל וחומר שמעורר מדת הרחמים - ע"י קיום מצוות היום יורד שפע בבני חיי ומזוני - הדרכה לבחורי חמד ........ **כז**

**שיחה ה':**

אזמרה לאלקי בעודי", היינו במה שיש עוד ביכלתו לעבור את ה' – לא ילין חלב חגי" נוטי' חילקינו ג'ורלנו יירושתינו – לעורר בלבבנו גודל יקרת נפשינו ........ **לג**

על הטוב יזכר ידידנו הרבני הנכבד

מוה"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו

מחבר ספרי חיים שיש בהם

## אשר כלכל הוצאת הקונטרס לזכות הרבים

* * *

לע"נ אביו הר"ר משה חיים ב"ר יצחק ע"ה

נלב"ע כ"ה תשרי תשנ"ד לפ"ק

ולע"נ אמו מרת גאלדא בת ר' שרגא פייבל ע"ה

נלב"ע ז' ניסן תשס"ב לפ"ק

ולע"נ חותנו הר"ר יצחק אהרן ב"ר יואל זוסמאן שפיטצער ע"ה

נלב"ע כ"ו אדר תשס"ז לפ"ק

---

על הטוב יזכר ידידנו הרבני הנכבד

מוה"ר **שמואל באדאנסקי** הי"ו

## אשר כלכל הוצאת הקונטרס לזכות הרבים

* * *

לע"נ אביו הר"ר אברהם ב"ר שמואל ע"ה

נלב"ע כ"ה אדר תשנ"ח לפ"ק

---

על הטוב יזכר ידידנו הרבני הנכבד

מוה"ר **יצחק אייזיק איידלים** הי"ו

## אשר כלכל הוצאת הקונטרס לזכות הרבים

קונטרס

# פתגם המלך

פורים תשע"ד

## שיחה א'

**הטעם שמקדימין זכירת מעשה עמלק לעשייה - נס פורים היתה בתוך דרכי הטבע - להתבונן שכל הנעשה בעולם הוא בהשגחה מיוחדת מאת הבורא ית"ש - כל אחד ואחד יכול לכתוב מגילה מהקורות אתו משך ימי חייו**

**עד** הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדך ה' אלקינו, דער אייבערשטער פארלאזט נישט, די חסדים פונעם אייבערשטן האט אונז קיינמאל נישט איבערגעלאזט, ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח, דער אייבערשטער וועט אונז קיינמאל נישט איבערלאזן.

**שטייט** אין די מגילה, והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור משפחה ומשפחה (ט-כח), די טעג ווערן דערמאנט און איבערגעטועז אין יעדן דור אין יעדע משפחה, אין אלע דורות וועלן אידן זיך פרייען אין די טעג, וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם.

**די** גמרא (מגילה ל:) דרשנ'ט, והימים האלה נזכרים ונעשים, בעפאר מ'גייט צו צו דעם פורים דארף מען ליינען די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק אשר קרך בדרך (דברים כה-יח), כי היכי דלא תיקדום עשיה לזכירה. מ'דארף געדענקען וואס עמלק האט אונז געטועז, עמלק האט אונז אפגעקילט, תמחה את זכר עמלק מתחת השמים לא תשכח, מ'דארף מוחה זיין דעם זכר פון עמלק. און נאכדעם וואס מ'ליינט שבת די פרשה פון זכירת עמלק, מ'זאל געדענקען עמלק מוחה צו זיין, נאכדעם קען מען צוגיין צו פורים, און מקיים זיין די מצוות פון דעם היינטיגן טאג.

והימים האלה דארף קודם זיין 'נזכרים', צו געדענקען מחיית עמלק, און נאכדעם 'ונעשים', קען מען אריינגיין אין די טעג פון פורים וואס ס'ווערט איבערגעיחזר'ט יעדעס יאר. וואס איז דער ענין אז מ'קען נישט אריינגיין אין פורים נאר נאכדעם וואס מ'האט געדענקט מוחה צו זיין עמלק.

**דער** נס פון פורים איז א נס וואס איז אנדערש פון אלע אנדערע סארט ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטוען פאר אידן. אלע ניסים אנגעהויבן פון יציאת מצרים, וואס דאס איז געווען דער ערשטער נס וואס דער אייבערשטער האט געטוען פאר אידישע קינדער, נישט איין נס, נאר מערערע ניסים וואס איז געווען דעמאלטס, און פון דעמאלטס אן איז נמשך געווארן די הנהגה פון ניסים פאר אידן, איז אלץ געווען א נס וואס איז חוץ לדרך הטבע, ס'איז נישט מיטן מענטשליכן שכל צו פארשטיין, אפילו א גוי האט געקענט זעהן אצבע אלקים הוא, אז דאס איז א אצבע פונעם אייבערשטן, און ס'איז נישט שייך אז א בשר ודם זאל קענען טוען דאס וואס איז אדורכגעגאנגען אין מצרים. נאר וואס דען, ס'איז געווען א אצבע אלקים, דער אייבערשטער האט געוויזן אז ער איז דער מושל פון די וועלט, וואס פירט די וועלט, דער אייבערשטער האט געמאכט די טבע און ער קען משנה זיין און מהפך זיין די טבע ווען ער וויל יעדע רגע ווען עס איז נוגע פאר'ן כלל ישראל. און אויב דער אייבערשטער וויל טוישן א זאך אין די וועלט, האט ער די מעגליכקייט, ער באווייזט עס, און ער איז דאס מוציא מכח אל הפועל. - דאס זענען געווען די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געוויזן פאר אידן אין אלע זמנים.

**דער** נס פון פורים איז א אנדערע סארט נס. שטייט אין די גמרא (חולין קלט.) אסתר מן התורה מנין, פון ווי וויסן מיר א רמז אין די תורה אויף אסתר, שנאמר (דברים לא-יח) ואנכי הסתר אסתיר. דער נס פון פורים איז נישט געווען חוץ לדרך הטבע, נאר אלעס האט זיך געפירט אין דרך הטבע. דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט אזויפיל נקודות, איינס נאך דאס אנדערע וואס איז אדורכגעגאנגען, כדי צוגרייטן די ישועה. ס'איז א מחלוקת אין די גמרא (מגילה יט.) פון ווי מ'דארף ליינען די מגילה, צי ס'איז גענוג צו פארציילן תוקפו של מרדכי אדער תוקפו של המן, אבער מיר נעמען אן ווי ר' מאיר אז מ'דארף פארציילן די מגילה פון אנהייב אן, די גאנצע מעשה, פון ווען אחשורוש איז געווארן א מלך. די מגילה איז א היסטאריע פון צוועלף יאר וואס ס'האט זיך אפגעטוען איינס נאך

דאס אנדערע. צו ווייזן ווי אזוי דער באשעפער פירט די וועלט, אז די טבע אליין האט דער אייבערשטער אזוי אויסגעשטעלט אז ס'זאל צום סוף צוקומען די ישועה פאר אידן.

**די** גאנצע מעשה פון די מגילה איז איין המשך, דער אייבערשטער האט קודם צו געפירט אז ס'איז געווען הריגת ושתי, נאכדעם איז אריינגעקומען אסתר אין שטוב, נאכדעם איז געווען די מעשה פון בגתן ותרש, און פונקט איז אויסגעקומען בלילה ההוא נדדה שנת המלך, ער האט פונקט נישט געקענט שלאפן א.א.וו, ביז ס'איז צוגעקומען אלע פרטים צו די ישועה. פורים איז א נס וואס דער אייבערשטער האט געוויזן אז די טבע פירט ער אויך אליין, מ'זעהט דא גארנישט א חוץ לדרך הטבע. דער אייבערשטער פירט די וועלט, דער אייבערשטער טוט אנשטעלן די דרך הטבע אז ס'זאל קענען זיין א ישועה פאר אידישע קינדער. דאס איז דער נס פון פורים, נישט מען זעהט א זאך וואס איז געווען חוץ לדרך הטבע, נאר ווען מ'ישטעלט צוזאם איין נקודה נאך די אנדערע נקודה, זעהט מען וויאזוי דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די ישועה, וואס האט פאסירט צוועלף יאר שפעטער נאכדעם וואס אחשורוש איז געווארן א מלך, און אנגעהויבן האט זיך עס אין דעם שנת שלש למלכו, וואס פון דעמאלטס פארציילן מיר אלע השתלשלות הדברים, מ'האט שוין דעמאלטס צוגעגרייט הריגת ושתי, אסתר זאל אריינקומען אין שטוב, בגתן ותרש זאל וועלן הרג'נען דעם מלך און מרדכי זאל דאס הערן, מרדכי זאל עס איבערגעבן פאר אסתר, און אסתר זאל עס איבערגעבן בשם מרדכי, א.א.וו, אלעס וואס האט זיך אפגעשפילט איז געווען לטובה פון די אידן.

**דער נס פון פורים איז אזא סארט נס וואס איז נוגע פאר יעדן איד אין אלע דורות! יעדער איד דארף וויסן אז דער אייבערשטער איז מיט אים שטענדיג! דער באשעפער איז מיט א איד אייביג, שטענדיג איז דא א מהלך פון פאר דעם, וואס דער אייבערשטער טוט אויסרעכענען איין שריט נאכן צווייטן שריט. א מענטש קוקט אן "ס'האט פונקט אזוי פאסירט, ס'איז פונקט אזוי געווען..." ס'איז נישטא קיין "פונקטס", ס'איז נישטא "ס'האט פאסירט", ס'איז אלעס מיט א חשבון פון רבוש"ע. דער אייבערשטער האט א בלו-פרינט אויף יעדן מענטש בעפאר ער שיקט אים אראפ אויף די וועלט, ארבעים יום קודם יצירת הולד איז פארן מענטש אפגעשריבן "אלעס" וואס ער דארף אדורכגיין** (נדה טז:), **אין וועלכע**

שטוב ער דארף אריינקומען, אין וועלכע שטוב ער דארף געבוירען ווערן, און ווי ער דארף נתחנך ווערן, וואס פארא שידוך ער דארף טרעפן שפעטער, וואס פארא פרנסה ער דארף האבן נאכדעם, אלעם איז אפגעשריבן פונעם רבוש"ע, ווייל יעדער איד האט א געוויסע סיבה און נקודה פארוואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט. אלקים הבין דרכה, דער אייבערשטער פארשטייט עס, און ער טוט צושטעלן פאר יעדן וואס ער דארף האבן פאר זיין תכלית פונעם לעבן.

**ווען** א איד געדענקט עס, ווען ער לעבט מיט דעם שטענדיג, ער ווייסט אז דער רבוש"ע האט אויסגעשטעלט זיין מהלך החיים, "ער דארף דאס אדורכגיין", "ס'האט געדארפט אזוי צו זיין", ס'איז נישטא קיין פארוואס האט אזוי פאסירט?, פארוואס בין איך אריינגעקומען פונקט אין די שטוב?, פארוואס האב איך געדארפט טרעפן פונקט אזא שידוך?, פארוואס איז מיר אויסגעקומען פונקט צו טרעפן אזא סארט פרנסה? - אלעם איז מיט א חשבון פונעם רבוש"ע!, אלעם איז אפגעשריבן פון אויבן, אלעם איז מיט א חשבון!. אזוי ווי דער נס פון פורים איז געווען א נס וואס איז געגאנגען מיט א מהלך, ס'האט זיך געדארפט אויסשטעלן איינס נאך דאס אנדערע. ווען מ'קומט צום סוף און דעמאלטס הייבט מען אן צוריק צוקוקן אויף פריער, זעהט מען, ווי אזוי הריגת ושתי, א מעשה וואס איז געווען מיט ניין יאר פריער, האט געדארפט צו זיין וועגן א ישועה פאר אידן שפעטער, ווי אזוי דער רבוש"ע האט דאס אויסגעשטעלט אז ס'זאל צוקומען דערצו - דאס איז דער נס פון פורים!, דער אייבערשטער האט געוויזן אז אין דרך הטבע אליינס טוט ער צושטעלן פאר יעדן מענטש אלעם וואס איז נוגע פאר זיין לעבן.

**אסתר** מן התורה מנין, ווי געפינען מיר אין די תורה א זכר אויף דעם סארט נס וואס איז געווען ביי אסתר, שנאמר ס'שטייט אין פסוק, ואנכי הסתר אסתיר, ואנכי, איך רבוש"ע, הסתר, איך בין באהאלטן, אין אסתיר, אינעם באהאלטעניש אליין, אין דעם דרך הטבע. דרך הטבע איז א באהאלטעניש, נישט ארויסזעהן אין וועלט דעם גודל כח השם, אז נישט וואלט דאך יעדער געווען ערליך, יעדער וואלט דאך מכיר געווען די גרויסקייט פונעם אייבערשטן, ס'איז נאר דא א דרך הטבע וואס דאס טוט מכסה זיין, ס'טוט פארדעקן, ס'קוקט אלעם אויס נאטורליך.

מ׳מאכט ביזנעס מ׳מאכט געשעפטן, מ׳פארדינט און פארלירט, אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבוש״ע!, ס׳איז אנגעשריבן פינקטליך וויפיל דו דארפסט פארדינען, וויפיל דו דארפסט שאדן האבן, און ס׳דארף צו זיין דוקא דורך דעם מענטש זאלסטו פארדינען און דורך דעם מענטש זאלסטו פארלירן, ס׳איז אלעס אפגעשריבן פונעם רבוש״ע אויבן, ס׳איז אלעס מיט א חשבון, נישטא קיין מקרה, עס האט ״פאסירט״!

**איך** וועל געבן דערויף א משל, מ׳קויפט היינט פאזלס פאר קינדער, ס׳איז דא א פאזל וואס ס׳איז צוזאמגעשטעלט פון צען שטיקלעך, דאס גיט מען פאר גאנץ א קליין קינד ער זאל דאס צוזאמנשטעלן. ס׳איז דא א פאזל פון הונדערט שטיק. א פאזל פון פינף הונדערט שטיק. פינף טויזנט שטיק. און מ׳שטעלט צוזאם. מ׳זעצט זיך אראפ און מ׳נעמט איין שטיקל מיטן אנדערן שטיקל און מ׳שטעלט צוזאם און מ׳מאכט דערפון א געהעריגן שיינעם פיקטשער. קוקן קוקט אוים, ער האט פונקט צוגעטראפן, ער האט געטראפן פונקט די שטיקעלע וואס פאסט אריין צו דעם שטיקל, האט ער דאס צוגעשטעלט אהין, נאך א שטיקעלע און נאך א שטיקעלע ביז ער האט צוזאמגעשטעלט דעם גאנצן פאזל. אבער יעדער וועט פארשטיין אז דער פאזל איז אמאל געווען א גאנצע פיקטשער בעפאר מ׳האט עס צובראכן. בעפאר דער פאזל האט זיך צוזאמגעשטעלט, איז געווען קודם פארגעשריבן די גאנצע פיקטשער וואזוי ס׳דארף צו זיין. אזוי איז דאס לעבן פונעם מענטש, אלעס איז אוים געשטעלט ארבעים יום קודם יצירת הולד, נאכדעם האט דער אייבערשטער גענומען דעם פיקטשער און ער האט דאס צובראכן אויף קליינע שטיקלעך און ער גיט עס פארן מענטש, דיין ארבעט איז צוזאם צושטעלן דעם פאזל!, דאס איז דיין ארבעט אויף די וועלט, צוזאם צושטעלן איין שטיקעלע א צווייטע שטיקעלע, נאך א שטיקל — ביי הונדערט און צוואנציג יאר, ווערט צוזאם געשטעלט די גאנצע פאזל פונעם מענטש׳ס לעבן.

**דער** מענטש מיינט נעבעך אז ס׳האט זיך אים געמאכט פונקט אזוי, און פונקט אזוי, און ער האט עגמת נפש און פאראיבל אויף פארשידענע זאכן, פארוואס דאס איז אדורכגעגאנגען אויף אים, פארוואס האט דאס גערארפט אזוי זיין, עס האט דאך געקענט זיין ס׳זאל זיין אנדערש. ס׳איז נישטא קיין מקרה אויף די וועלט!, אלעס איז מיט א חשבון, דער רבוש״ע חשבונ׳ט אלעס אוים, ער האט זיינע פלענער, ער האט זיין פיקטשער וואס דו דארפסט צוזאם שטעלן, ער האט דיין

פאזל וואס דו דארפסט צוזאם שטעלן, און ווען דו וועסט עס צוזאם שטעלן האסטו אויסגעפירט וואס דער רבוש"ע האט געוואלט פון דיר אין דיין לעבן!. — און דאס איז דער נס פון פורים, דער נס פון פורים ווייזט, ואנכי, דער רבוש"ע, הסתר אסתיר, אינעם הסתר איז באהאלטן דער רבוש"ע.

**ווי** גרויס דער הסתר איז פון די וועלט, א גשמיות'דיגע וועלט וואס מ'זעהט נישט אז ס'איז דא א באשעפער וואס פירט עס, אבער אין דעם הסתר אליין איז דא דער ואנכי, דער רבוש"ע איז באהאלטן אין דעם הסתר אליין, אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבוש"ע!. פונקט ווי דער נס פון פורים איז געווען אויסגעשטעלט איין פאסירונג נאכן אנדערן, אבער אלעס איז געווען מיט א כוונה רצויה, בשעת ס'האט פאסירט די ערשטע זאך האט מען נישט פארשטאנען פארוואס איז דעם מלך איינגעפאלן צו הרג'ענען ושתי, איז דען דאס א נארמאלע זאך וואס ער האט געטוען, הרג'ענען א קעניגען זיין ווייב, על אשר לא עשתה את דבר המלך ביד הסריסים, און גארנישט פרעגן איר פארוואס ביסטו נישט געקומען. ווען מ'זאל פרעגן א נארמאלער מענטש, ווי אזוי ער האט פארלאנגט זי זאל קומען און זי איז נישט געקומען, איז דאך פשוט נארמאל אז זי איז נישט געקומען. און נאכדעם אז ס'האט פאסירט ביי איר וואס די גמרא (מגילה יב:) זאגט שפרחה בה צרעת, ובא גבריאל ועשה לה זנב וכדומה, איז דאך דאס גארנישט קיין כבוד פארן מלך, איז דאך דאס א נארמאלע זאך אז זי זאל נישט קומען, פארדעם קומט זיך נישט אז מ'זאל הרג'ענען. איין מינוט ער זאל פרעגן די מלכה, פארוואס ביסטו נישט געקומען, און זי וואלט אים אראפגעלייגט די גאנצע מעשה וואס דא האט פאסירט, איז דאך דאס א נארמאלע זאך אז זי זאל נישט קומען אויף אזא אופן צו דעם מלך.

**איז** געגאנגען דער רבוש"ע און ער האט אינטערגעשיקט דארטן א ממוכן, דער ממוכן האט געמאכט דערפון א גאנצן עסק, לא על המלך לבדו עותה ושתי המלכה, כי יצא דבר המלכה על כל הנשים להבזות בעליהן בעיניהן, ער האט אראפגעלייגט אז דאס איז עפעס די העכסטע קאטאסטראפע וואס ס'האט פאסירט, ס'וועט זיך מאכן א אויפשטאנד אין די גאנצע מלכות להבזות בעליהן בעיניהן, יעדער איינער ביי זיך אין שטוב וועט פארלירן צו זיין דער בעה"ב אינדערהיים, און אנגעדרייט א גאנצע מעשה, און דער מלך זאגט, אז מ'זאל איר הרג'ענען!. — דאס איז נישט נארמאל, נאר אז דער רבוש"ע וויל אז ושתי זאל אוועקגיין פון די וועלט, ס'קומט

זיך איר אויף דעם וואס זי האט געטוען, און נאכדעם זאל ארויסקומען דערפון אז אסתר זאל ארייננקומען אין בית המלכות, דער רבוש"ע האט זיך זיין מהלך און זיין וועג פארוואס דאס זאל פאסירן, פארוואס ס'זאל זיין אזוי. — דער נס פון די מגילה איז נישט קיין נס פון חוץ לדרך הטבע, נאר א השגחה וואס געפונט זיך אינעם דרך הטבע אליין!.

**מיר אליין מאכן מיט די ניסים טאג טעגליך. מיר האבן די זעלבע נסיונות, די זעלבע מהלכים, א מענטש ווייסט נישט און פארשטייט נישט, פארוואס האט פאסירט אזוי, פארוואס האט פאסירט אנדערש, אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן!, אלעס איז מיט א חשבון, אלעס דארף מען אדורכגיין!, דער רבוש"ע פירט די וועלט, און מ'קען זיך פארלאזן אויף אים אז ער פירט עס גוט!. אז ער האט דאס צוגעפירט פאר דיר אין שטוב, איז א סימן אז דאס איז דיין עבודה, דאס דארפסטו אדורכגיין, דאס איז דיין תכלית פארוואס דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט!.**

**ווילאנג** א מענטש מיינט אז די וועלט איז מקריים, אלעס האט פונקט פאסירט, אזוי לאנג קען ער נישט האבן קיין שמחת החיים אין דעם לעבן... ווען א איד גלייבט אז ס'איז נישטא קיין זאך וואס איז בדרך מקרה, ס'איז נישטא קיין זאך וואס ס'האט אזוי פאסירט, אלעס איז מיט א מהלך אויבן פון הימל, אזוי ווי ס'איז געווען ביים נס פון אסתר, דעמאלטס קען ער האבן שמחה, דעמאלטס קען ער האבן פרייליכקייט אין זיין לעבן!.

**די** קליפה פון עמלק איז, אשר קרך בדרך, ער האט געמאכט יעדע זאך ביי דיר זאל זיין א מקרה, ס'האט פונקט אזוי פאסירט... אויף א מקרה קען מען זיך דינגען פארוואס האט אזוי פאסירט?, פארוואס האט זיך נישט געמאכט ס'זאל זיין אנדערש?, פארוואס האט מיך דער דרך הטבע אזוי ארייגעפירט דעריך?. איינער וואס טראכט אז אלעס איז א מקרה, איז דער נס פון פורים ביי אים אויך נישט קיין נס, ס'האט פונקט אזוי געלונגען, ושתי איז געשטארבן, אסתר איז ארייגעקומען, אסתר האט געבעטן דעם מלך, און ס'איז אנגעקומען ביז דעם נס.

**אז** מ'וויל פארשטיין דעם נס פון פורים, דארף מען קודם מוחה זיין דעם עמלק און וויסן אז ס'איז נישטא קיין אשר קרך בדרך, נישטא א זאך ווי א מקרה ס'האט אזוי

פאסירט, ס'פאסירט גארנישט, אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבוש"ע... נאכדעם וואס דו וועסט מוחה זיין דעם עמלק פון אשר קרך, ס'איז נישטא קיין מקרה, אלעס איז מיט א חשבון, וועסטו פארשטיין די גאנצע מגילה...!. ביז ווילאנג ס'איז נישטא מחיית עמלק קען מען נישט צוגיין צו דעם פורים. והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, קודם פעלט אויס דער והימים האלה זאל זיין נזכרים, קודם זאלסטו דערמאנען מוחה זיין דעם עמלק, ארויסנעמען פון דיר "נישטא קיין טבע אויף די וועלט"!, אלעס איז מיט א חשבון פונעם רבוש"ע. וואס דער אייבערשטער טוט איז אלעס אויסגערעכענט, ס'האט זיך נישט פונקט אזוי געמאכט, פונקט אזוי האט פאסירט, ס'איז נאר ווייל דער רבוש"ע וויל אז דו זאלסט דאס אדורכגיין, דאס איז דיין עבודה, אויף דעם האט מען דיך אראפגעברענגט אויף די וועלט, אלעס וואס דו האסט אויף דעם עולם, איז מיט א חשבון אויסגעשטעלט פון פריער. ווען דעם דארף מען קודם מזכיר זיין זכור את אשר עשה לך עמלק אשר קרך בדרך, ער האט געוואלט אריינברענגען אין דיר אז א יעדע זאך איז א מקרה, און אז ס'איז א מקרה איז דער נס פון די מגילה נישט קיין נס, ס'האט פאסירט אזוי, איין מקרה האט פאסירט נאכן צווייטן. והימים האלה נזכרים, קודם דארף מען זוכר זיין די מעשה פון מחיית עמלק, נאכדעם איז ונעשים בכל דור ודור.

**ווען א איד וועט גלייבן אז זיין גאנץ לעבן איז א פאזל וואס ווערט צוזאמגעשטעלט, דעם גאנצן פיקטשער איז פון אויבן, ארבעים יום קודם יצירת הולד האט מען דיין גאנץ לעבן שוין פארגעשפילט, ס'איז א ווידיא אויבן אין הימל וואס דו וועסט אדורכגיין אין דיין לעבן. אלעס איז אויפגעשריבן פונקטליך, וואו דו וועסט געבוירען ווערן, וואס דו וועסט אדורכגיין אין דיין לעבן, וואס פארא שידוך דו וועסט טוען, וואס פארא קינדער, וואס פארא אייניקלעך דו וועסט האבן, ביז ס'וועט קומען דעם לעצטן טאג, ותשחק ליום אחרון, וואס מ'דארף אוועקגיין פון דעם עולם, אלעס איז אנגעשריבן... מיר דארפן זעהן צו טוען אין דעם מהלך, וויסן, וואס ס'גייט אדורך האט דער רבוש"ע אונז אהער געשטעלט אין אונזער לעבן. יא, דאס דארפן מיר אדורכגיין... נישט האבן קיין תערומות ח"ו, נישט האבן קיין קנאה פארוואס ביי יענעם איז אזוי ביי מיר איז אנדערש. ס'איז נישט קיין נפק"מ וואס ביי יענעם איז, יענער האט זיך זיין מהלך אין לעבן, יענער האט זיינס וואס ער דארף אויפטוען, און דו האסט וואס דו דארפסט אויפצוטוען, דיין בלו-פרינט איז אפגעשריבן אויבן פון הימל וואס דו דארפסט אדורכגיין.**

**ווען** ס'וועט זיין ביי דיר הימים האלו נזכרים, דו וועסט מוחה זיין דעם אשר קרך בדרך, נישטא קיין מקרה, אלעס איז מיט א חשבון, נאכדעם וועט זיין הימים האלה נעשים, קען דער יו"ט פון פורים ווערן א יו"ט. - און ווען דער יו"ט פון פורים איז א יו"ט, איז עס א שמחה, ס'איז א פרייליכקייט. וואס איז די פרייליכקייט פון פורים?, מיר פרייען זיך צו אנערקענען אז אלע מקריים וואס גייען אדורך אין די וועלט איז אלעס מיט א חשבון!.

**און** מיר קענען אליין מאכן א מגילה פון אונזערע מעשים. יעדער איד ביי זיך האט זיין אייגענע מגילה, זיין אייגענע פרשה וואס פאר אים איז דאס אראפגעשריבן געווארן, וואס ס'דארף ביי אים זיין און ווי אזוי ס'דארף אדורכגיין, און גלייבן אז דאס איז וואס דער רבוש"ע וויל פון אונז. מיר דארפן מאכן דאס בעסטע וואס מיר קענען טוען פון אונזער מהלך וואס מ'האט אונז אנגעשריבן. און ווען א איד טוט דאס, און ער גלייבט דאס, און ער לעבט מיט דעם, דעמאלטס קען ער האבן די שמחה פון פורים, וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם, דעם זכר וואס א איד דארף ארויסנעמען פונעם פורים, אז אלע מקריים — וואס ס'דאכט זיך אים אז ס'איז א מקרה - איז גארנישט קיין מקרה, ס'איז אלעס מיט א חשבון, דעמאלטס איז מען זוכה אז מ'קען זיך באמת פרייען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן זיך קענען פרייען מיט'ן רבוש"ע, קענען זיין א עשיר השמח בחלקו, פריי דיך מיט דעם וואס דו האסט, זיי נישט ביזי שטענדיג מיט דעם וואס דו האסט נישט... פריי דיך מיט וואס דו האסט, זיי א שמח בחלקו... וויסן אז וואס דער רבוש"ע האט דיר געגעבן דאס איז נוגע פאר דיר, דאס איז פאר דיין תכלית, פאר דיין דערהויבענקייט. פאר דיין התעלות וואס דו דארפסט צו קומען אויף די וועלט, דארפסטו אדורכגיין וואס דו דארפסט אדורכגיין, ס'איז נישט נוגע וואס יענער גייט אדורך, וואס יענער גייט אדורך איז יענעמס חשבונות, דו האסט דיינע חשבונות.

**איך זאג עס אייביג פאר א משל און איך זאג עס נאכאמאל איבער, מסתם האבן שוין מענטשן דאס געהערט פון מיר. מ'זעהט מ'פארט אויף א ראוד, א קאר פארט שיין גראד, ס'איז זייער שיין דער וועג, אין מיטן איז דא עקזיטס, מ'גייט ארויס ביי עקזיט און מ'הייבט זיך אן צו דרייען ארום און ארום, פון איין גאס צו די צווייטע**

גאם און די דריטע גאס, ביז ער קומט אן ווי ער דארף אנקומען. זיצט א קינד אין די קאר און ער פרעגט: טאטי, וואס האסטו געדארפט ארויסגיין ביים עקזיט, דו האסט דאך געקענט פארן גראד אזוי ווי אלע אנדערע קארס?, ס'איז א שיינער און א גראדער וועג, וואס דארפסט דו ארויסגיין זיך דרייען רעכטס און לינקס, פָּאר גראד, פָּאר נארמאל, וואס דארפסטו גיין קרום, זעהסט דאך אז יענע קארס גייען אלע גראד. זאגט אים דער טאטע יא, ווען איך וואלט געדארפט אנקומען דארט ווי יענער דארף אנקומען, וואלט איך אויך געגאנגען גראד, אבער מיין הויז איז נישט דארטן, אויף מיין הויז איך זאל קענען צוקומען, מוז איך ארויסגיין פונעם גראדן וועג און זיך דרייען ביז איך קום צו דעם פלאץ.

**יעדער** האט זיין עקזיט אויף די וועלט. ס'איז נישטא גראד. יא, ס'איז דא מענטשן וואס דער אייבערשטער העלפט זיי אז זיי זענען ב"ה עשירים און זענען מצליח, ס'פעלט זיי גארנישט, זיי האבן א מהלך וואס זיי דארפן גיין נאך ווייטער גראד. מיר האבן אלע עקזיטס, מיר האבן פלעצער ווי מ'דארף ארויסגיין פון דעם גראדן וועג, און וויסן אז דאס איז אונזער פלאץ וואו מיר דארפן אנקומען. אז דער רבוש"ע האט אונז דאס געגעבן, דארף מען דאס מקבל זיין מיט שמחה מיט א פרייליכקייט. און דאס איז דער פרייליכקייט פון פורים מער ווי אלע אנדערע ימים טובים, ווייל פורים לערנט אונז אויס, אז אין די דרכי הטבע אליין איז דא א מהלך וואס איז צוגעשריבן געווארן פאר יעדן איד.

**איך** האב אמאל געזאגט, די גמרא (יומא כט.) זאגט אז אסתר איז סוף כל הניסים, אסתר ווערט צוגעגליכן צו אילת השחר (תהלים כב-א). מה שחר סוף כל הלילה אף אסתר סוף כל הניסים, ווייל אויף ניסים שטייט אין הייליגן רמב"ן (סו"פ בא יג-טז), אז פון די ניסים נגלים לערנט זיך אראפ א מענטש אז ס'איז דא ניסים נסתרים אין די וועלט. אז ס'איז דא א רבוש"ע וואס פירט די וועלט, ס'איז דא באהאלטענע ניסים אין די טבע אליין. דער הייליגער רמב"ן שרייבט, ווען א איד איז נישט מאמין אז א יעדן טאג איז דא ניסים נסתרים אויף די וועלט, יעדן טאג האט ער ניסים, על נסיך ועל נפלאותיך שבכל יום עמנו, אין לו חלק בתורת משה!, האט ער נישט קיין חלק אין די תורה. די תורה איז אזוי צוזאמגעשטעלט, אם בחוקתי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם, אין די טבע אליין טוט דער אייבערשטער צופירן, אז דו האסט זיך אויפגעפירט ערליך וועסטו האבן ברכה, האסט זיך נישט אויפגעפירט ערליך,

ווען ס'וועט באקומען א עונש. ס'איז נישטא קיין זאך וואס ס'ווערט געפירט פון זיך אליין, אין די טבע טוט דער אייבערשטער פירן דעם מענטש. די אלע ניסים נגלים האט דער אייבערשטער געשטעלט כדי אז פון דעם זאל א מענטש מכיר זיין די ניסים נסתרים. אלע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטוען פאר אידן אין אלע דורות, איז געווען אז מיר זאלן קענען פארשטיין דעם נס פון פורים, אז אין די טבע אליין מאכט דער אייבערשטער פאר אונז ניסים, דאס איז אסתר סוף כל הניסים, מען האט דערגרייכט די תכלית פון אלע ניסים, צוגעקומען צו די נקודה צו גלייבן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט אין די טבע אליין... אזוי ווי ס'איז געווען ביי פורים.

**אידישע** קינדער פרייען זיך, נישט נאר מיט דעם נס פון פורים אליין פריידט מען זיך, מ'פריידט זיך אז מ'איז צוגעקומען צו דעם גילוי אז מ'זאל קענען פארשטיין אז דאס איז ניסים. זאכן וואס קוקן אויס בדרכי הטבע אז איינס האט געפירט דאס אנדערע, אז מ'זאל פארשטיין אז דאס איז מיט א חשבון פונעם רבוש"ע, ס'איז יד השם עשתה זאת, ס'איז דא א השגחה עליונה פונעם רבוש"ע אויף די גאנצע וועלט, ס'געשעט נישט קיין זאך פון זיך אליינס, גלייבן אז דער נס פון פורים האט דער באשעפער צוזאמגעשטעלט מיט א חשבון פון פריער, דער אייבערשטער איז א מביט מראשית אחרית, ער האט קודם געזעהן אז מ'דארף האבן א ישועה פאר אידן בימי אסתר, ווי אזוי קומט מען צו דערצו אז מ'זאל האבן א ישועה, מ'דארף זעהן קודם ארויסצונעמען ושתי פון דעם שטוב, און מ'דארף זעהן אז אסתר זאל אריינקומען, מ'האט צוגעשטעלט א בגתן ותרש, אז מרדכי זאל עם פארציילן, און אחשורוש זאל נישט קענען שלאפן און מ'זאל אים פארציילן די דברי הימים, ויהיו נקראים לפני המלך, און ס'זאל אים איינפאלן צו פרעגן מה נעשה יקר וגדולה למרדכי, און פונקט זאל המן דארט זיין, און ער אליין זאל ברענגען די ישועה, און פונקט איז המן נופל על המטה אשר אסתר עליה, און פונקט זאל עם אחשורוש זעהן, און חרבונה זאל אנקומען און זאגן הנה העץ וגו' עומד בבית המן גבוה חמשים אמה וגו', און דער מלך זאל זאגן תלוהו עליו... דאס איז נישט קיין פערצופאלע זאך. נאר אין טבע פירט דער אייבערשטער אזוי. - אויך אין אונזער לעבן, זאל א איד גלייבן, אלעס וואס ס'גייט אויף אים אדורך אין דרך הטבע איז ניסים, ס'מיינט נישט ניסים חוץ לדרך הטבע, ס'מיינט א השגחה גלויה פונעם רבוש"ע וואס דער אייבערשטער פירט צו.

**זאל** דער איבערשטער געבן, מיר זאלן האבן דעם שכל דאס מכיר צו זיין שטענדיג, לעבן מיט דעם אייביג, וויסן פון מארגן אן, מיר שטייען אויף צופרי און וואס ס'וועט אדורכגיין אויף אונז, זאגן, רבוש"ע אלעס איז אין דיין האנט, אלעס טוסטו פאר אונז, דו טוסט אויסרעכענען אונזער גאנצע לעבן, יעדע טריט וואס מיר גייען טוען איז פון המכין מצעדי גבר, דער רבוש"ע האט אויסגערעכענט יעדן טריט וואס א איד דארף אדורכגיין. ווען א איד לעבט מיט דעם איז דא א שמחת הנפש, ער איז זיך נישט מצער אויף גארנישט, ס'טוט אים נישט וויי קיין שום זאך, דער רבוש"ע האט אזוי געפירט ס'איז נישטא קיין בעסערס, מיר קענען נישט פירן די וועלט בעסער ווי דער רבוש"ע, גלייבן מיט א אמונה שלימה אז דער רבוש"ע פירט יעדן איד, און דער באשעפער טוט פאר דיר די בעסטע וואס ער קען טוען פאר דיר, דו קענסט נישט האבן קיין בעסערס.

**איך האב שוין נאכגעזאגט, אז א צדיק האט געזאגט, אז ווען דער רבוש"ע זאל אים זאגן, איך שיק דיך נאכאמאל אראפ אויף דער וועלט און זאג מיר וואס פארא טשענדזשעס דו ווילסט האבן אינעם לעבן?. וואלט איך געענטפערט, רבוש"ע אז דו האסט מיר דאס געגעבן די ערשטע מאל, איז א סימן אז דאס איז די בעסטע פאר מיר, איך בעט דיך רבוש"ע געב עס מיר איבער נאכאמאל!. מ'זאל אליין גליסטן צו דעם לעבן וואס מען האט, מאכן די בעסטע דערפון וואס דו קענסט מאכן, דאס באלאנגט פאר דיר און דאס דארפסטו אדורכגיין, און פרייען זיך מיט וואס דער רבוש"ע האט דיר געהאלפן, נישט נאר וואס ער האט דיר געהאלפן, נאר אויך מיט וואס ער האט דיר נישט געהאלפן, און וויסן אז דו האסט דאס אויך געדארפט האבן!. פונקט ווי דו דארפסט האבן וואס דער אייבערשטער העלפט דיר, דארפסטו האבן דאס וואס דער אייבערשטער האט דיר אוועקגענומען.**

**ווער** זאגט דיר אז וואס דו מיינסט אז ער האט דיר געהאלפן דאס איז גוט, און וואס ער האט דיר נישט געהאלפן איז נישט גוט. וויפיל מאל איז דא וואס א מענטש מאכט געשעפטן וכדומה און ער מיינט אז דא וועט ער מצליח זיין אויסערגעווענליך, צום סוף שטעלט זיך אוים אנדערש ווי ער האט געמיינט. ער האט געבעטן און האט מתפלל געווען דערויף און האט זיך נאר געווינטשן אז דאס זאל אדורכגיין. אוודאי דארף מען מתפלל זיין און בעטן אויפן בעסטן, אבער ווען זיין

תפלהווערט נישט נתקבל, דארף מען גלייבן, אז וואס דער רבוש״ע טוט, איז דאס די בעסטע וואס דו קענסט האבן, נישטא קיין בעסערס פון וואס דער רבוש״ע גיט.

**דאס** דארף מען מיטנעמען פון דעם פורים, געדענקען אז אין די טבע אליין טוט דער אייבערשטער משנה זיין און משדד זיין די טבע פאר יעדן איד וואס עס איז נוגע פאר אים. ווען מ׳וועט לעבן מיט דעם אי״ה, וועלן מיר האבן א פרייליכן לוסטיגן פורים און א פרייליכן לוסטיגן יאר, ווייל אז א מענטש זאל קענען זיין בשמחה איז דאס נאר ווען ער ווייסט אז היינטיגן טאג האט ער געהאט די בעסטע. יעדער איד ווען ס׳ענדיגט זיך אים דעם טאג, גוטס צי ח״ו נישט גוטס, דארף ער זאגן, רבוש״ע איך דאנק דיר אויף דעם וואס איז מיר אדורך דעם היינטיגן טאג, אז דו האסט אזוי געטוען, ווייסט דו אז דאס איז די בעסטע פאר מיר וואס איך האב געדארפט אדורכצוגיין!. זאל דער אייבערשטער געבן, מ׳רעדט, רעדן איז זייער גרינג, דרשות איז גרינג צו זאגן, מ׳דארף לעבן דערמיט, עס אריינגעמען אינעם הארץ אויספירן מן הכח אל הפועל, און מתפלל זיין, רבוש״ע ווען ס׳קומט מיר א גוטע מינוט וואס איך האב יא די הכרה, איך זאל דאס קענען מיטלעבן, ס׳זאל ווערן עצם מעצמי, ס׳זאל ווערן א חלק פון מיין לעבן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן נישט דארפן פארענטפערן דעם רבוש״ע, דער באשעפער זאל אונז געבן מיר זאלן קענען זעהן דאס גוטסקייט פונעם אייבערשטן, שבענו בבוקר חסדך, דער אייבערשטער זאל אונז געבן אסאך גוטס ס׳זאל זיין בדרך שביעה, ס׳זאל זיין אין יעדע אידישע שטוב פרייליכקייט מיט שמחה, דער באשעפער זאל משפיע זיין בטוב הנראה והנגלה, גוטס וואס מ׳זעהט און ס׳איז נגלה פאר די אויגן פון דעם מענטש, מיר זאלן זוכה זיין אי״ה אקעגן גיין משיח צדקינו במהרה אמן.

# שיחה ב׳

**גודל האהבה והגעגועין של בנסת ישראל להקב״ה - מדרגת תשובה מאהבה שמהפך זדונות לזכיות - הקב״ה מבקש מאתנו לעורר הנקודה הפנימית שבלב לעבודתו ויראתו - מיונה הנביא למדנו גודל כח התפילה גם מתוך עמקי החשיכה**

**השבעתי** אתכם בנות ירושלים אם תמצאו את דודי מה תגידו לו שחולת אהבה אני (שיר ה-ח), מיר זאגן פאר בנות ירושלים, אם תמצאו את דודי, ווען עטס וועטס טרעפן דעם רבוש״ע, מה תגידו לו, וואס זאלט איר אים זאגן, שחולת אהבה אני, כנסת ישראל איז קראנק פון אהבה צום רבוש״ע. זאגט דער מדרש (ילקוט תתקפח) חולי שאני חולה אינה חולי מעים, מיר זענען נישט קראנק אויף די בני מעיים, ולא מיחוש ראש, מיר האבן נישט קיין קאפ ווייטאג, ממה אני חולה מאהבה, אונזער חולי איז א חולה פון אהבה צום רבוש״ע. יעדער איד איז נאנט צום אייבערשטן, יעדער איד האט אן אהבה צום רבוש״ע בטבע, ווייל אויב נישט וואלט נישט געקענט זיין א מצוה פון ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך. א איד דארף ליב האבן דעם אייבערשטן מיטן גאנצן הארץ, גרייט צו זיין אוועקצוגעבן זיין גאנץ פארמעגן, און זיין גאנץ לעבן, פאר אהבת השם, ווען דאס איז נישט בטבע, ס׳איז נישט א זאך וואס ליגט אינעם מענטש, קען מען נישט מצווה זיין א מענטש ער זאל ליב האבן א זאך וואס ער האט נישט ליב.

**מ׳קען** צווינגען א מענטש אויפצועסן א מאכל וואס ער האט נישט ליב, אבער מ׳קען אים נישט צווינגען ער זאל ליב האבן וואס ער האט נישט ליב. אז דער אייבערשטער הייסט אונז מיר זאלן ליב האבן דעם אייבערשטן, נישט נאר סתם אן אהבה, נאר די אהבה צום רבוש״ע זאל זיין די העכסטע אהבה וואס ס׳איז שייך אויף די וועלט, אוועקצוגעבן אלעם וואס דו האסט, דיין גאנץ פארמעגן, דיין גאנץ לעבן, אלעם גיבסטו דו אוועק פאר אהבת השם, דאס איז די מצוה פון אהבה וואס מ׳דארף ליב האבן דעם אייבערשטן, איז א סימן אז דאס איז בדרך הטבע, ס׳ליגט אינעם מענטש א אהבה צום רבוש״ע. נאר דורך די עבירות וואס מען טוט ווערט מען אפגעריסן פונעם רבוש״ע, עס טוט אוועקנעמען די אהבה, ס׳טוט אים אפקילן, עס ווערט א מסך המבדיל, און א איד דארף זען אוועקצונעמען דעם מסך המבדיל, וועט ער ליב האבן דעם אייבערשטן.

**אם** תמצאו את דודי, ווען איר וועט טרעפן דעם רבוש"ע, מה תגידו לו, וואס זאלט איר אים זאגן, שחולת אהבה אני, כנסת ישראל האט ליב דעם אייבערשטן, כנסת ישראל איז קראנק פאר אהבת השם, ס'איז חולת אהבה. אזוי ווי אין א גשמיות'דיגע אהבה איז דא אמאל וואס א מענטש איז קראנק דערויף, און ביז ער באקומט נישט די אהבה קען ער זיך נישט בארוהיגן, אזוי זענען מיר חולת אהבה פונעם אייבערשטן!.

**און** דער מדרש גיט צו, מיר זענען נישט קיין חולי מעיים, ס'איז דא אמאל וואס א מענטש האט אהבת השם, אבער ס'איז א חולי מעיים, ער וויל דער אייבערשטער זאל אים געבען גענוג פרנסה זיך צו זעטיגן, זיין מעיים איז נישט אנגעפולט אזוי ווי ער וואלט געוואלט אז ס'זאל זיין, ער איז א חולי מעיים, ווייל ס'פעלט אים אין עניני גשמיות. - א העכערע מדריגה איז דא פון דעם, ער איז א חולי ראש, ער האט נישט הרחבת הדעת, מ'איז אין גלות און ער קען נישט דינען דעם אייבערשטן מיט ישוב הדעת, וואס דער קאפ דארף זיין ריין צו עבודת השם. **זאגט כנסת ישראל פארן אייבערשטן, מיר זענען נישט קיין חולי מעיים, מיר זענען נישט קראנק צו דיר ווייל ס'פעלט אונז אין פרנסה, מיר זענען נישט קראנק מיט א חולי ראש, ס'פעלט אונז ישוב הדעת הרחבת הדעת אז דער קאפ זאל זיין רוהיג, אפילו ווען מיר זאלן האבן אלעס, מיר וועלן מיר האבן עשירות, מיר זענען נישט קיין חולי מעיים, מיר וועלן האבן הרחבת הדעת מיר זענען נישט קיין חולי ראש, אבער חולת אהבה אני, מיר זענען קראנק פון אהבה צום אייבערשטן. מיר האבן נאר איין נקודה אינעם הארץ, מיר ווילן ליב האבן דעם רבוש"ע, דאס איז די חולת אהבה וואס כנסת ישראל זאגט, השבעתי אתכם, מ'איז משביע די בנות ירושלים, אם תמצאו את דודי מה תגידו לו שחולת אהבה אני, מיר זענען חולי פון אהבה.**

**מיר** ווייסן אז ס'איז דא צוויי ערליי סארט תשובות, ס'איז דא תשובה מיראה און ס'איז דא תשובה מאהבה. תשובה מיראה נעמט אוועק דעם חטא, תשובה מאהבה טוט מהפך זיין דעם חטא, זדונות נעשות לו כזכיות (יומא פו.). מיר האבן געזינדיגט, אבער מיר ווילן דער אייבערשטער זאל אונז נישט נאר מוחל זיין די עבירות, ותשליך במצולות ים כל חטאותם, אלא חולת אהבה אני, מיר זענען קראנק אז מיר זאלן קענען זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן מיט אהבת השם, וואס אהבה טוט

מהפך זיין די זדונות לזכיות. מ׳געפינט אז א זאך ווערט איבערגעדרייט פון א פגם לשבת, רופט עס אן די גמרא (עבודה זרה לט.) אז ס׳איז מחליא לשבת, ש׳חולתי אהבה אני, פון די אהבה וואס מיר האבן צום רבוש״ע ווילן מיר אז ס׳זאל אלעס איבערגעדרייט ווערן צו א מתיקות. די מעשים וואס מ׳האט נישט געטוען ווי ס׳דארף צו זיין, זאל נתהפך ווערן לשבח.

**ס׳איז** דא א פסוק נאכדעם, דער רבוש״ע בעט פון אידן, פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי שראשי נמלא טל (שיר ה-ב), עפען מיר א טיר איך זאל קענען אריינקומען צו דיר, דו ביסט דאך מיין טויבעלע, דו ביסט דאך תמתי גאנץ אן א פעלער, שראשי נמלא טל קוצותי רסיסי לילה, איך בין אינדרויסן און ס׳פאלט טל, איך קען נישט אריינגיין אין שטוב, מיין קאפ ווערט אנגעפולט מיט טל, בעט דער אייבערשטער פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי, א איד זאל עפענען און אריינלאזן דעם אייבערשטן צו אים. מיר זענען חולת אהבה, מיר זענען דאך קראנק פאר אהבה צום אייבערשטן, נאר אסאך מאל איז דאס אזוי בהסתר, ס׳איז אזוי באהאלטן דער חולת אהבה, מיר קענען נישט ארויסגעבן אונזערע געפילען פאר׳ן אייבערשטן, מיר נעמען נישט אריין דעם אייבערשטן אין זיך. דו ביסט א חולת אהבה, דו האסט ליב דעם רבוש״ע, נו עפען די טיר, ברענג אים אריין צו דיר אין שטוב!. אבער מיר האבן נישט די כוחות, ס׳איז דא אמאל א מסך המבדיל צווישן א איד און רבוש״ע, ער קען אים נישט אריינברענגען, און דער רבוש״ע בעט פון אונז, פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי.

**דודי שלח ידו מן החור ומעי המו עליו, דער אייבערשטער שיקט זיין האנט מן החור פון דעם לעכעלע, דו האסט א קליין לעכעלע ביי דיר אין הארץ וואס די לעכעלע איז אנגעפולט מיט אהבת השם. ווי אזוי דו קוקסט אויס, ווי אזוי דיין הארץ קוקט אויס, ס׳איז ארומגענומען מיט תאוות עולם הזה, אבער אינעווייניג איז דא א לעכעלע פון א איד!. מיר האבן אין טיפעניש פונעם הארץ א לאך וואס איז צוגעבינדען און אנגעפילט מיט אהבה צום רבוש״ע, און דער רבוש״ע בעט פון אונז, פון דעם לעכעלע וואס דו האסט, דו האסט דאך ליב דעם אייבערשטן טיף אין הארץ, געב עס ארויס, טו דיך מחזק זיין, טו דיך שטארקן אין עבודת השם, לאז נישט די תאוות הגוף זאל ארומנעמען די גאנצע הארץ. דודי שלח ידו מן החור, פון דעם קליינעם לעכעלע וואס דו האסט אינעם הארץ וואס דאס איז**

**נאך נישט ארומגענומען געווארן מיט די טומאה פונעם תאוות הגוף, פון דארט שיקט דער אייבערשטער זיין האנט, פון די ווינקעלע, זאלסטו זיך אויפהייבן צום רבוש״ע.**

**אחותי** רעיתי יונתי תמתי, איך האב דיך אזוי ליב, דו ביסט מיין שוועסטער, דו ביסט מיין גוטער פריינד, דו ביסט מיין גאנץ טויבעלע, און איך בעט דיך - זאגט דער רבוש״ע פאר א אידיש קינד - פתחי לי, עפען מיר א טיר. איך זאג דיר, ווען דו וועסט עפענען א טיר פאר מיר, איך וועל אריינקומען צו דיר אין הארץ, וועסטו זעהן דו וועסט ווערן אן אנדערער איד, ס'וועט זיך אויפוועקן ביי דיר. דודי שלח ידו מן החור, פון דעם קליינעם לעכעלע וואס דו האסט וואס דארט איז נישט אריינגעגאנגען די תאוות הגוף, ס'ליגט א נקודה פנימית וואס ס'איז באהאלטן אין דיר, פון דארט שטרעקט אויס דער אייבערשטער זיין האנט און בעט דיך, זיי זיך מקרב צו מיר!. פתחי לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם, דער רבוש״ע בעט פון אונז א קליין טירעלע, עפען מיר די טיר, עפען מיר א וועג איך וויל נאנט ווערן צו דיר, איך וויל זיך מקרב זיין צו דיר.

**וואס** האט דער רבוש״ע פון א וועלט וואס ער האט באשאפן, יעדער איד דארף טראכטן ביי זיך, דער רבוש״ע האט מיך אראפגעברענגט אויף די וועלט, ער וויל האבן עפעס א נחת רוח פון מיר, ער וויל איך זאל מקדש זיין שם שמים, די תאוות הגוף נעמען מיך ארום, די הבלי עולם הזה טוען מיך פארווארפן פון רבוש״ע, אבער דודי שלח ידו מן החור, פון דעם לעכעלע וואס דו האסט אינעם הארץ, ס'איז דא איין ווינקעלע וואס דאס איז די נקודה הפנימית פון דעם פשוטי'סטן און שוואכסטן איד וואס איז דא, וואס דארט שיקט דער אייבערשטער זיין האנט, מן החור, פון דעם קליינעם לעכעלע טוט דער אייבערשטער מקרב זיין דעם איד.

**דער** באשעפער רופט אונז אן מיט אזעלכע שיינע נעמען, אחותי, דו ביסט מיין שוועסטער, רעיתי, דו ביסט מיין גוטער פריינט, יונתי, דו ביסט מיין טויבעלע, תמתי, דו ביסט מיין גאנץ טויבעלע, און ער בעט עפען מיר א טיר איך זאל קענען אריינקומען צו דיר. קען זיין די סיבה פארוואס דער אייבערשטער רופט אונז אן יונתי, מ'געפינט ביי יונה הנביא, יעדער ווייסט דאך די מעשה וואס יונה הנביא האט געוואלט אנטלויפען פונעם אייבערשטן, און ער איז אריינגעגאנגען אין א

שיף, און דער אייבערשטער האט געמאכט אז די שיף האט זיך געוואקלט, און מ'האט גענומען יונה הנביא און מ'האט אים ארייגעווארפן אין ים, און א פיש האט אים איינגעשלינגען און ער איז געווען א סאך טעג אינעם פיש אינעווייניג, נאכדעם האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטן, האט אים דער באשעפער צוריק ארויסגענומען פונעם פיש, און ער האט ווייטער ממשיך געווען זיין נביאות.

**די** פרשה איז א געוואלדיגע מוסר השכל, א מענטש קען וועלן אוועקלויפן פונעם אייבערשטן, און ער ווערט שוין איינגעשלינגען אין א פיש, האט מען שוין געהערט אז א מענטש זאל פון א פיש ארויסקומען לעבעדיגערהייט? יונה איז ארייגעגאנגען אינעווייניג אין א פיש און ארויסקומען לעבעדיג. ווייל יונה הנביא האט מתפלל געווען!, א מענטש איז נישט פארלוירן אפילו ווען ער איז איינגעשלינגען... אפילו ווען ער געפינט זיך אויף אזא מקום וואס בדרך הטבע איז נישט מעגליך אז ער זאל קענען פון דארט ארויסקומען, פון דעסטוועגן דאך, אז א איד איז מתפלל און בעט פונעם רבוש"ע, קען ער ארויסקומען פון דעם טיפסטן פלאץ, פון דעם נידריגסטן מקום, ווי ער איז!, פון א פלאץ ווי ס'איז נישט מעגליך בדרך הטבע ארויסצוקומען. אז ער בעט פון רבוש"ע פתחי לי, עפען מיר פתח כחודו של מחט און איך וויל נאנט ווערן צום אייבערשטן, קען ער ארויסקומען אפילו ווען ער איז שוין איינגעשלינגען געווארן אינגאנצן...

**זאגט** דער רבוש"ע פאר אידישע קינדער, פתחי לי אחותי רעיתי, עפען מיר דיין הארץ, בעט און זיי מתפלל נאנט צו ווערן פאר מיר, באטראכט דעם יונתי, מיין יונה הנביא, וואס ער איז שוין געווען איינגעשלינגען אינעווייניג אינעם פיש, ער האט מתפלל געווען פארן רבוש"ע, האט ער אים ארויסגענומען פון א פלאץ ווי ס'איז בדרך הטבע נישט מעגליך ארויסצוקומען, אזוי איז ביי יעדן איד וואס איז מתפלל, ער בעט און ער רייסט זיך צום רבוש"ע, האט תפלה א געוואלדיגן כח!.

**מיר** זענען נישט מחשיב אונזערע תפילות. מיר זענען נישט מחשיב וואס א איד בעט פון רבוש"ע. א איד ווען ער בעט קען ער אלעס ביי אים פועלן, דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס א איד בעט. יונה הנביא וואס איז געווען איינגעשלינגען אין א פיש, ווען ער האט מתפלל געווען צום רבוש"ע נעם מיך ארויס פון דא, איך וויל דיך דינען ווייטער, איך האב

געטועץ א נארישקייט, איך האב געוואלט אנטלויפן פון דיר, ווי קען מען אנטלויפן פונעם רבוש"ע, אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו, ער גייט און אנטלויפט פונעם אייבערשטן, וואו גייסטו?, דו אנטלויפסט אויפן שיף און דו גייסט אוועקגיין, קען מען דען אוועקגיין פונעם רבוש"ע?, דו נעמסט מיט דעם בעגידזיש ווי דו גייסט, דער רבוש"ע איז צוזאמען מיט דיר, דו קענסט נישט אנטלויפן פון אים!, דו קענסט אריינשלעפן ח"ו דעם רבוש"ע דארטן אין די טומאה ווי דו ביסט, אבער דו קענסט אים נישט אוועקנעמען פון דיר. וואו דו ביסט, ביסטו צוזאמען מיטן רבוש"ע!.

**און** א איד ווען ער דערמאנט זיך, אין וואספארא מצב ער זאל נאר זיין, אין די נידריגסטע מדריגה וואס מ'זאל קענען זיין, אז מ'קען נישט פון דארט ארויסקומען, אזוי ווי א מענטש איז איינגעשלינגען אין א פיש און ער קען נישט פון דארט ארויסקומען, אז מ'איז מתפלל צום רבוש"ע, העלפט דער אייבערשטער!, דודי שלח ידו מן החור ומעי המו עליו, דער רבוש"ע שיקט זיין האנט פון דעם פינטעלע וואס דו האסט.

**דער** רבוש"ע רעדט צו יעדן איד!, און זאגט, פתחי לי אחותי, איך בעט נישט פון דיר נאר עפען מיר א טיר!, אפילו ווען דו ביסט יונתי, אזוי ווי יונה הנביא, דו געפינסט זיך שוין איינגעשלינגען אינגאנצן, דו געפינסט זיך אויף א פלאץ וואס ס'איז נישט מעגליך בדרך הטבע ארויסצוקומען פון דארטן, דעסטוועגן דאך אז דו וועסט רופן צום רבוש"ע, וועסטו זעהן דו וועסט ארויסקומען...

**יעדער איד האט א געוואלדיגן כח, ווען ער איז מתפלל צום רבוש"ע און ער בעט פונעם אייבערשטן. דער אייבערשטער וויל זיין נאנט צו יעדן איד. מיר אידישע קינדער זענען חולת אהבה, מיר זענען קראנק פון אהבה צום רבוש"ע, אפילו מיר שפירן דאס נישט, ס'קוקט אויס ווי מיר זענען געזינט ס'פעלט אונז גארנישט, מיר זענען לײדער נישט קראנק, אבער דיין חור, די פינטעלע וואס דו האסט אין דיר, דאס איז קראנק. א איד בעצם וויל זיין נאנט צום אייבערשטן, עס איז קירבת אלקים לי טוב, שתי בה' אלקים מחסי, די קירבה פונעם אייבערשטן איז פאר מיר גוט. ווען א מענטש לייגט זיין גאנצע האפענונג אויפן רבוש"ע, איך וויל זיין גוט, איך וויל אנהייבן יעצט א נייעם פתח, לאמיר פארגעסן פון וואס ס'איז געווען נעכטן, מיר ווילן נאנט זיין צום אייבערשטן, מיר זענען חולת אהבה,**

**מיר האבן אינעווייניג אן אהבה צום רבוש"ע, מיר ווילן מהפך זיין אלע אונזערע מעשים וואס מיר האבן געטועו זאל זיין זדונות נהפכו כזכיות, ס'זאל נתחלל ווערן די עבירות וואס מ'האט געטועו, דורך די אהבה וואס א איד האט רבוש"ע.**

**ווען** א איד זאגט פאר בנות ירושלים מה תגידו לו, שחולת אהבה אני, זאגט דער רבוש"ע פתחי לי אחותי רעיתי יונתי תמתי, וויל דער רבוש"ע זיך מקרב זיין צו אידישע קינדער. - זאל דער אייבערשטער געבן מיר זאלן זיך קענען מקרב זיין צום רבוש"ע. מיר זאלן זיך אנכאפן אין דעם פתח וואס דער רבוש"ע בעט פון אונז, דעם פתחי לי אחותי רעיתי, מיר ווען עפענען נישט קיין סך, איין פינטעלע... כחודו של מחט..., מ'בעט נישט מער ווי א שפיץ פון א מחט, צדיקים האבן אבער געזאגט, ס'דארף געבן א שטאך אזוי ווי א חודו של מחט, ביז ס'שטעכט נישט, האט ער נישט געעפענט קיין חודו של מחט. עטץ זאלטס עפענען א פתח אזוי ווי א שטאך פון א מחט, דעמאלטס וועט דער באשעפער אונז אויך זאגן איך וויל זיין צוזאמען מיט דיר, ער וועט אונז מקרב זיין, ואני אפתח לכם פתח וואס עגלות וקרנות וועלן קענען אדורכגיין, מיר דארפן נאר עפענען א קליינעם טיר צום רבוש"ע.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מ'זאל קענען דאס מוציא זיין מן הכח אל הפועל, יעדער איד וויל דאך זיין נאנט צום אייבערשטן, ער האט נאר נישט די כוחות הגוף וואס זאלן אים צו העלפן דערצו, ווען א מענטש ווערט אמאל דערהויבן, ער האט א גוטע מינוט, קען ער דעמאלטס עפענען זיין פתח, און דער אייבערשטער וועט אונז עפענען כפתחו של אולם, מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם נאנט צו ווערן צום רבוש"ע.

# שיחה ג׳

**טעם שקבעו מצות מתנות לאביונים - המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות - אחשורוש לא ביקש מס מהכלל ישראל אחר שקבלו עליהם עול תורה - עידוד וחיזוק ליקח ליקח הבחינות על הלימודים מידי חודש בחדשו**

**די** הייליגע חכמים האבן קובע געווען דעם יום טוב מ׳זאל מאכן א זכר אויפן נס, אויסער מקרא מגילה און משתה ושמחה, זאל זיין משלוח מנות איש לרעהו, מ׳זאל שיקן מתנות איינער פארן צווייטן, ומתנות לאביונים, מ׳זאל געבן מתנות פאר ארימעלייט. מ׳האט שוין געהאט גערעדט, ממילא מקרא מגילה פארשטייט מען ס׳איז פירסומי ניסא, משתה ושמחה מ׳פריידט זיך, אבער משלוח מנות ומתנות לאביונים, וואס פארא שייכות האט דאס מיט דעם נס פון פורים.

**מורי** ורבותי, איך וויל ענק זאגן א זאך יעצט וואס איז גוט אוועקצולייגן אויף א גאנץ יאר אויכעט, נישט נאר אויף פורים. מ׳געפינט אז אסתר האט געפרעגט לדעת מה זה ועל מה זה (אסתר ד-ה), וואס איז די סיבה וואס מרדכי איז אזוי מקונן, ער האט זיך אנגעטוען א שק ואפר. די גמרא (מגילה טו.) דרשנ׳ט, אפשר האבן זיי עובר געווען אויף די תורה, וואס ביי איר שטייט (שמות לב-טו) מזה ומזה הם כתובים, אז די תורה איז געווען חרות על הלוחות, די לוחות איז געווען דורכגעהוילט פון איין זייט ביז די אנדערע, איז אפשר האבן אידן עובר געווען אויף די תורה וואס מזה ומזה הם כתובים.

**די** גמרא (מגילה ב:) זאגט מ״ם וסמ״ך שבלוחות בנס היו עומדים, דער מ״ם און דער סמ״ך וואס איז געווען אין די לוחות האבן זיך געהאלטן מיט א נס, א ענדע מ״ם אז מ׳טוט אויסהוילען אינדערמיט פאלט ארויס די שטיקל ס׳קען זיך נישט האלטן, א סמ״ך אז מ׳טוט אויסהוילען אינדערמיט האלט זיך עס אויך נישט, און אז ס׳איז געווען חרות על הלוחות, ס׳איז געווען אויסגעקריצט אויף די לוחות פון איין זייט ביז די אנדערע, ווי אזוי האבן זיך געקענט האלטן די מ״ם און דער סמ״ך, בנס היו עומדין, זיי האבן זיך געהאלטן בנס. לא עביד קוב״ה ניסא למגנא, נישטא סתם אזוי ניסים, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה חרות על הלוחות, און געמאכט א נס אז דער מ״ם וסמ״ך בנס היו עומדין, ליגט אין דעם א רמז מוסר השכל פאר יעדן איד זיך צולערנען דערפון.

**קען** זיין דער פשט דערפון איז, שטייט אין די משנה (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, ווען א איד איז מקבל אויף זיך דעם עול פון תורה, נעמט מען אוועק פון אים עול מלכות, ער האט נישט קיין שום פראבלעמען מיט די רעגירונג, די רעגירונג וועט אים נישט צורירן, מ'וועט נישט האבן קיין שייכות מיט אים, מ'וועט אים נישט אודיטען, מ'וועט אים נישט פרעגן קיין שום שאלות, מ'וועט נישט בעטן פון אים גארנישט, האסט מקבל געווען אויף דיר עול תורה וועט מען אוועקנעמען פון דיר עול מלכות. מ'וועט אויך אוועקנעמען עול דרך ארץ, א איד דארף זיך פלאגן אויף פרנסה, בזעת אפיך תאכל לחם, ס'קומט אן פרנסה שווער, ווען א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה נעמט מען פון אים אוועק דעם עול פון דרך ארץ, דעם עול פון פרנסה.

**א איד דארף זיך פלאגן אויף די וועלט, אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, אדם לעמל יולד (איוב ב-ז). ער קען אבער אויסקלויבן זיין פלאג אויף צוויי וועגן, אדער קלויבט ער אויס אויף עול תורה, און אויב נעמט ער נישט אויף זיך עול תורה געט מען אים א אנדערע עמל. פאר יעדע בלאט גמרא וואס א איד לערנט, פאר יעדע שעה וואס ער זיצט אין בית המדרש, נעמט פון אים אוועק א חלק פונעם עול מלכות און עול דרך ארץ. ס'איז א משנה מפורשת אן קיין חולק, קיינער קריגט זיך נישט דערויף, אז ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה נעמט מען פון אים אוועק עול מלכות ועול דרך ארץ.**

**איך** האב געזעהן שטיין אין דרשות פון רבי יוסף נחמיה קורניצער (דף קס.) [זייער א שיין ספר], און ער שרייבט אזוי, אז אין סוף פון די מגילה שטייט, וישם המלך אחשורוש מס על הארץ ואיי הים (אסתר י-א). אז דער מלך האט ארויפגעלייגט שטייער אויף זיין לאנד און אפילו אויף די אינזלען פונעם ים. מה ענין שמיטה אצל הר סיני, מ'רעדט יעצט פון דעם יו"ט פורים, מ'רעדט פון דעם נס פון אחשורוש, און מ'פארציילט אונז אז דער מלך האט ארויפגעלייגט מס על הארץ ואיי הים, ס'האט דאך נישט קיין שייכות מיטן נס פון פורים?. אלא מאי אז ס'שטייט יא אין די מגילה, איז א סימן אז דאס איז א חלק פון אונזער פורים, מיר דארפן געדענקען אויך דעם פסוק וישם המלך מס על הארץ ואיי הים.

**זאגט** ער אזוי, מ'זעהט המן האט אנגעטראגען פארן מלך מען זאל הרג'ענען דעם כלל ישראל, להשמיד ולהרוג ולאבד, און ער וועט געבן עשרת אלפים ככר כסף

(ג-ט), זאגט ער אז דער פשט דערפון איז, זייט אידן זענען אין גלות, איז אין אלע מקומות ווי אידן זענען געווען, האבן אידן געהאט א שטייער וואס מ'האט גערארפט צו באצאלן, מיר זענען דאך פרעמדע, מיר באלאנגען נישט אהין, מיר קומען פון ארץ ישראל, מיר זענען פון יהודה, א אימיגראנט וואס קומט אריין אין א פרעמדע מדינה, דו ווילסט איך זאל דיך האלטן דא, דארפסטו באצאלן. א סיטיזען דארף די רעגירונג געבן פאר אים וואס ער דארף האבן, אבער א פרעמדער קומט אריין בעט מען פון אים שטייער. אין אלע מדינות ווי אידן זענען געווען, איז אלץ געווען מיסים וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויפן כלל ישראל, זיי האבן געצאלט גרויסע שטייערן וואס ס'איז אנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, און אלע קהילות האבן גערארפט איינטיילן יעדן איד, לויט זיין עשירות, צי לויט די נפשות, וויפיל ער דארף צאלן, וויפיל ער דארף זיך משתתף זיין אין די מס.

**אחשורוש** האט באקומען א גרויס חלק פון זיין שטייער וואס האט אויפגעהאלטן די מדינה, פון די מיסים וואס אידן האבן געצאלט פאר אים. ווייל אידן האבן דעמאלטס געהאט געזינדיגט, מ'האט זיך משתחוה געווען לצלם, מ'האט נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, און אז מ'איז נישט מקבל עול תורה לייגט מען ארויף עול מלכות, איז געווען שטייערן וואס אידן האבן גערארפט צאלן פארן מלך. אז המן קומט מכלה זיין דעם כלל ישראל להשמיד ולהרוג ולאבד, וועט דאך אויספעלן שטייער פאר די רעגירונג. האט ער געזאגט עשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה, איך וועל עס ערזעצן, מ'זאל הרג'ענען די אידן, און די מס וואס די רעגירונג וואלט געקענט האבן פון זיי, וועל איך זיי געבן. און דער מלך איז איינגעגאנגען דערויף.

**ווען** ס'איז געקומען די צייט אז אידן זענען געהאלפן געווארן, אידן האבן מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, היינטיגן טאג איז געווען קימו וקבלו היהודים (ט-כז), קימו מה שקבלו כבר (שבת פח:), היינט איז אויך אונזער יו"ט פון שבועות, היינט האבן מיר מקבל געווען די תורה מתוך אהבה פון ליבשאפט צום אייבערשטן, נישט ווייל מ'האט אונז געצווינגען מקבל זיין די תורה, נאר מיר ווילן זיין א חלק אינעם כלל ישראל, מיר ווילן מקבל זיין די תורה. היינטיגן טאג האבן אידן מקבל געווען עול תורה, און אז אידן זענען מקבל עול תורה, האט אחשורוש אומפארשטענדליך אראפגענומען די מס פון אידן, ווייל כל המקבל עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות.

נישט ווייל אחשורוש איז געווארן א צדיק און ער איז געווארן א גוטער, די גמרא (מגילה יא.) דרשנ'ט הוא אחשורוש (א-א), הוא ברשעו מתחלתו ועד סופו, ער איז געבליבן דער זעלבער רשע ווי ער איז געווען פריער, און פאר דעם האט ער ארויפגעלייגט מס אויף אידן, ווייל מ'האט נישט מקבל געווען עול תורה, פורים ווען מ'האט מקבל געווען עול תורה, האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן אין זיין הארץ, נעם אראפ די מס פון אידן, ווייל המקבל עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות, האט מען אראפגענומען די מס פון אידן, אז אידן דארפן נישט געבן.

**נו**, פעלט דאך געלט פאר די רעגירונג, ס'איז נישטא קיין מס, מ'דארף דאך דאס פון ערגעץ ערזעצן, וואס זאגט דער פרעזידענט אז ס'איז נישטא קיין טעקסעס מוז ער עס פון ערגעץ נעמען, פון די עשירים פון די ארימעלייט, ערגעץ וועט ער שוין מאכן אן עסק ווי ער קען אריין באקומען די מס. אבער אויף אידן האט ער נישט צוריק ארויפגעלייגט קיין מס, ווייל אידן האבן מקבל געווען דעמאלטס עול תורה, און אז מ'איז מקבל עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות, איי מ'דארף דאך געלט, וישם המלך מס על הארץ ואיי הים, האט ער אויפגעזיכט פרישע מקומות, פרישע שטייערן ארויפגעלייגט על הארץ ואיי הים, אידן האט ער באפרייט פון זיין מס, דער מלך האט מגדל געווען אידן, פון זיי בעט ער נישט קיין שטייער.

**ס'איז** א מוסר השכל די גאנצע פרשה, ס'איז א חלק פונעם נס פורים, די תורה וויל אונז פארציילן, אזא אחשורוש וואס איז געווען א רשע מתחלתו ועד סופו, צום סוף ווען אידן האבן מקבל געווען אויף זיך עול תורה, וישם המלך מס על הארץ ואיי הים, ער האט נישט צוגערירט אידן, אז זיי זאלן אים געבן די שטייער. איי ס'פעלט, ער וועט ארויפלייגן שטייער אויף ערגעץ אנדערש. ווען א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועל דרך ארץ. **אזוי ווי היינט איז נאכט, און מיר זענען דא אין ביהמ"ד, אזוי דארפן מיר גלייבן אז דאס איז אמת, אין חז"ל שטייט נישט נאר וואס ס'איז אמת, זיי האבן געוויסט, און זיי האבן משיג געווען יעדע זאך עד סוף השורש דערפון, אז ווען א איד איז מקבל אויף זיך עול תורה נעמט מען פון אים אוועק עול מלכות, ער האט נישט קיין שייכות מיט די רעגירונג, מ'מוטשעט אים נישט! ווען א איד באקומט א אודיט, זאל ער וויסן, אז ער האט נישט מקבל געווען עול תורה!, ווען ער איז מקבל עול תורה באקומט ער דאס נישט, ווייל המקבל עול תורה נעמט מען אוועק עול מלכות...**

**אז ער פלאגט זיך אויף זיין פרנסה, פעלט ביי אים א חלק פון קבלת עול תורה. מסתם לערנט ער נישט קיין "דרשו", ווייל ווען ער וואלט געלערנט, מ'איז מקבל עול תורה, פאר דעם פלאג וואס דו לייגסט אריין שעה'ן דו זאלסט קענען און פארשטיין די גמרא, פארדעם וועט מען דיר אוועקנעמען פלאג פון ערגעץ אנדערש. דער אייבערשטער האט צוגענומען דעם עול מלכות פון אידן, און וישם המלך אחשורוש מס על הארץ, ער האט געזוכט אנדערע וועג ווי אזוי ארויפצולייגן דעם מס.**

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די לוחות, און ס'איז געווען חרות על הלוחות, ס'האט אדורכגעקריצט יעדעס ווארט פון איין זייט אויף די אנדערע זייט. וואס טוט זיך מיט די מ"ם מיט די סמ"ך, מיט די מ"ס?, דער מ"ם בנס היו עומדין. ס'איז א נס, ווען מען איז מקבל זיין עול תורה, וועט מען אוועקנעמען דעם מ"ס, וועסט נישט מקבל זיין דעם עול תורה, וועסטו האבן דעם מ"ס. דער מ"ם שבלוחות בנס היו עומדין, דאס איז נישט פארשטענדליך, ס'איז נישט מיטן שכל, פארוואס איינער האט יא באקומען א אודיט און דער צווייטער האט נישט באקומען?, פארוואס פונקט איך?, ס'האט א תירוץ, ווייל ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה נעמט מען אוועק פון אים עול מלכות, ווען ער איז נישט מקבל אויף זיך עול תורה לייגט מען אויף אים ארויף עול מלכות!, דער מ"ם וסמ"ך שבלוחות, דער מ"ם איז בדרך נס, עס ליגט אין די לוחות, אין קבלת עול תורה.

**אסתר** האט געזעהן אז ס'הייבט זיך אן צרות, דער מלכות פארלייגט זיך אויף אונז, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, האט זי געפרעגט אפשר האבן אידן עובר געווען אויף די תורה וואס איז מזה ומזה הם כתובים, דער מ"ם וואס ס'איז דא אינעווייניג אין די תורה שטייט דאך בדרך נס, ווען אידן פירן זיך אויף ערליך דעמאלטס איז נישטא קיין מס, ווי קען זיין אז אחשורוש האט זיך פארלייגט אויף אידן, ס'איז דא א עול פונעם מלכות?, מוז זיין אז אידן האבן עובר געווען אויף דעם עול תורה איז געקומען אויף זיי עול מלכות!, דארפן אידן תשובה טוען צום אייבערשטן, דעמאלטס וועט מען אראפנעמען פון זיי דעם עול מלכות.

**בשעת** ס'איז דא עול מלכות, קען מען נישט געבן קיין צדקה ווי ס'דארף צו זיין, ווייל מ'דארף דאך געבן שטייערן פאר די רעגירונג, האט מען נישט קיין געלט צו

געבן צדקה. תוס׳ (בבא מציעא ע: ד״ה תשיך) שרייבט, אז אפילו א זאך וואס ס׳איז נאר מותר כדי חייו, איז היינט אינעם גלות וואס מיר זענען צוגעבינדען צו עול מלכות ושרים, הייסט אלעם ביי אונז כדי חייו. פון א גוי טאר מען נישט נעמען קיין ריבית נאר כדי חייו, זאגט תוס׳ אז היינט הייסט אלעם כדי חייו, ווייל מיר האבן מיסים פון די שרים. האט מען דאך נישט געקענט געבן גהעריג צדקה. אבער דורך דעם נס האבן אידן מקבל געווען אויף זיך עול תורה, און אז מ׳איז מקבל עול תורה איז דאך מעבירין ממנו עול מלכות, האט מרדכי געמאכט א זכר דערויף, און ער האט געזאגט אז יעצט קען מען געבן מתנות לאביונים, אידן וועלן האבן גענוג געלט אז מ׳זאל קענען געבן מתנות לאביונים, ס׳וועט נישט זיין קיין עול מלכות מ׳וועט נישט דארפן געבן פאר די רעגירונג, וועט מען דאס קענען געבן פאר תורה הקדושה.

**און** דאס איז דער חידוש וואס מ״ם וסמ״ך שבלוחות בנס היו עומדין. א איד דארף וויסן, אז מ׳איז מקבל אויף זיך עול תורה, מ׳נעמט אויף זיך צו לערנען פלייסיג, קביעות עתים לתורה דארף דאך יעדער איד קובע זיין צייטן צו תורה, נאר אמאל איז דאס גרינגערהייט אן א עול, ווען א איד נעמט אויף זיך עול תורה, ער לייגט זיך אריין אין תוה״ק, איך וויל קענען, איך וויל לערנען, די תורה איז אויף אים בדרך קבלת עול, ס׳ליגט אויף אים, פונקט ווי ער פארשטייט אז ער דארף ברענגען זיין פרנסה יעדע וואך, פארשטייט ער אז ער דארף יעדע וואך עוסק זיין בתורה און קענען וואס ער האט געלערנט, וועט אים דער אייבערשטער העלפן כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ!, א איד איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה נעמט מען פון אים צי א אנדערע עול, דו וועסט נישט האבן קיין אנדערע פראבלעמען. פארוואס דארף זיך א איד פלאגן אויף די וועלט דאס איז נאר מכח דעם בזעת אפיך תאכל לחם, ווען א איד — זאגט דער ישמח משה (פ׳ בשלח) - איז מקיים דעם לחי״ם, מיט לחם של תורה, ער פלאגט זיך אויף לימוד התורה, און דארט איז ער מקיים בזעת אפיך תאכל לחם, דער לחמה של תורה קומט אים אן בזעת אפיך, דארף ער נישט אוועקגעבן צייט אויף בזעת אפיך תאכל לחם הגשמי.

**מיר** שטייען אין א טאג וואס היינט האבן מיר מקבל געווען די תורה. היינט איז אונזער יו״ט שבועות. שבועות איז קבלת התורה בכפיה, היינט איז קבלת התורה באהבה. ווען א איד איז מקבל די תורה מיט אהבה און ער מקבל אויף זיך עול

תורה, איז מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, וועט דער אייבערשטער אראפנעמען פון אים אלע פראבלעמען און אלע זייטיגע זאכן וואס שטערן אים פון לימוד התורה.

**זאל דער אייבערשטער געבן מ'זאל קענען מקבל זיין אויף זיך אמת'דיג עול תורה!, ליגן אין לערנען!, יעדע פרייע מינוט וואס מ'האט זאל מען אוועקגעבן פאר תורה, אז מ'חזר'ט און מ'לערנט "דרשו", מ'לערנט "זכרו", איך וויים נישט אלע נעמען וויאזוי זיי הייסן, "ישראל ואורייתא", און "ושננתם", ליגט דער קאפ אין לערנען. אפילו ווען מ'ארבעט ליגט דער קאפ און מ'טראכט איבער וואס מ'האט געלערנט. מ'גייט אויף די גאס ליגט מען נישט אין קיין שטותים, מ'ליגט אין לימוד התורה. וועט דער אייבערשטער גרינגער מאכן אונזער עול פון פרנסה, יעדער וועט זעהן ער וועט האבן א ישועה, דער אייבערשטער וועט אים אריינשיקן א ליכטיגקייט אין זיין פרנסה, און וועט אראפנעמען פון אים דעם עול מלכות ועול דרך ארץ.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען זיך מדבק זיין אין די תוה"ק, מען זאל קענען זיין נאנט צום אייבערשטן, דער באשעפער זאל אונז גרינגער מאכן די אלע פראבלעמען וואס מ'האט אין שטוב, עול דרך ארץ מיינט נישט נאר פרנסה, "עול דרך ארץ" מיינט אלע פראבלעמען פונעם שטוב, ס'איז דא נארמאלע שוועריקייטן וואס א מענטש האט אין שטוב, דאס גייט אלעס אריין אין "עול דרך ארץ", אלע פראבלעמען ווערן צוגענומען ווען א איד לייגט זיך אריין אין תוה"ק. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל זיך קענען אריינלייגן אין תוה"ק.

# שיחה ד׳

**כל הפושט יד להקב״ה נותנים לו משאלות לבו - מקרא מגילה נלמד מקל וחומר שמעורר מדת הרחמים - על ידי קיום מצוות היום יורד שפע בבני חיי ומזוני - הדרכה לבחורי חמד**

**דער** יו״ט פון פורים איז זייער א הייליגער יו״ט, ס׳איז א זמן פון השפעה פון א ברכה פאר׳ן גאנצן כלל ישראל. יעדער איד אין וואס ס׳פעלט אים אויס קען געהאלפן ווערן אין דעם הייליגן טאג, כל הפושט יד נותנין לו, ווען א איד שטרעקט אויס די האנט צום רבוש״ע, תפלה ווערט אנגערופן פשיטת יד, נשיאת כפים, ווי משה רבינו האט געזאגט איך וועל אויפהייבן די הענט און וועל בעטן פונעם אייבערשטן. כל הפושט יד, א איד בעט און איז מתפלל צום אייבערשטן, ער הייבט אויף די האנט: רבוש״ע, איך האב אזויפיל בקשות צו דיר, איך האב אזויפיל זאכן וואס טוען מיר וויי, אזויפיל זאכן וואס טוען מיך שטערן, רבוש״ע מאך מיר גרינגער, העלף מיר אין מיין לעבן - איז נותנין לו, באקומט ער א מתנה, דער באשעפער איז זיך מרחם אויף אים, דער באשעפער גיט עס אים. דער יו״ט פון פורים אליין, דער עצם יו״ט פאר זיך, איז א זמן וואס איז מעורר רחמים אויבן אין הימל אויפן כנסת ישראל.

**שטייט** אין די גמרא (מגילה יד.), אז דער אייבערשטער האט אויפגעשטעלט פאר אידן מ״ח נביאים, לא פחתו, זיי האבן קיינמאל נישט אוועקגענומען א זאך פון די תורה, ולא הותירו על מה שכתוב בתורה, חוץ ממקרא מגילה, זיי האבן נישט צוגעגעבן קיין שום זאך צו די תורה אויסער מקרא מגילה. שטייט שוין אין מהרש״א אז זיי האבן צוגעגעבן אסאך זאכן וואס ס׳איז נאר סייגים לתורה וכדומה, אבער א עקסטערע מצוה, האבן זיי נישט קובע געווען חוץ ממקרא מגילה, נאר דאס האבן זיי צוגעגעבן. און די גמרא פרעגט, ווי אזוי האבן זיי געקענט מוסיף זיין א זאך וואס ס׳איז נישט אין די תורה, מוז דאך זיין אז זיי האבן געדרשנ׳ט א דרשה דערויף. זאגט די גמרא, יא, זיי האבן געטראפן א ראיה פון די תורה אז מ׳דארף האלטן פורים, ווען אידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געזאגט שירה פאר׳ן אייבערשטן, מה דאך ווען מ׳איז ארויסגעגאנגען מעבדות לחירות, אין מצרים האט מען געקענט לעבן נאר ס׳איז געווען עבדות, און ווען מ׳איז ארויסגעגאנגען פון עבדות לחירות האבן אידן געזאגט שירה פאר׳ן אייבערשטן, ממות לחיים על אחת

כמה וכמה, אז דער אייבערשטער האט געהאלפן מ'איז ארויסגעגאנגען ממות לחיים אין די צייטן פון אחשורוש, דארף מען אוודאי זאגן שירה פארין אייבערשטן.

**קומט** אויס, מקרא מגילה וואס מיר ליינען, און דער גאנצער יו"ט פון פורים וואס ס'געהער צו מקרא מגילה, איז אלעס א חלק פון א קל וחומר וואס מ'האט ארויסגלערענט פון יציאת מצרים, אז דארט האט מען געזאגט שירה, דארפן מיר אויך זאגן שירה. - דער הייליגער חתם סופר שרייבט אויף מערערע פלעצער, א קל וחומר איז א דאורייתא, וואס מ'לערנט אראפ פון א קל וחומר איז א מצוה מן התורה. און מן התורה זענען אונז מחוייב צו מאכן א זכר אויפן נס פון פורים!, יוואס' מ'דארף מאכן א זכר, דאס איז א דרבנן. די חכמים האבן קובע געווען וואס מ'זאל טוען, אבער בעצם די זאך אז מ'דארף א שיר פארן אייבערשטן אויף דעם וואס דער באשעפער האט אונז מציל געווען, דאס איז מן התורה.

**שטייט** אין די גמ' (מגילה י:) אז די חכמים האבן געדרש'נט שטענדיג א פתיחה בעפאר מ'איז אריינגעקומען אין דעם ענין פון פורים. איינע פון די פתיחות איז געווען אויף א פסוק (ישעיה נה-יג), תחת הנעצוץ יעלה ברוש ותחת הסרפד יעלה הדס, והיה להי' לשם לאות עולם לא יכרת. תחת הנעצוץ אנשטאט המן, יעלה ברוש איז געקומען מרדכי, תחת הסרפד אנשטאט ושתי בת בנו של נבוכדנצאר ששרף רפידתו של מקום, וועט קומען אסתר, והיה להי' לשם זו מקרא מגילה. מקרא מגילה דאס איז להי' לשם, דאס איז פארין אייבערשטן'ס נאמען. לא יכרת זאגט די גמרא גייט ארויף אויף ימי הפורים זיי וועלן נישט אוועקגעשניטן ווערן. וואס איז דער ענין אז והיה להי' לשם גייט ארויף אויף מקרא מגילה, וואס האט מקרא מגילה א שייכות מיט והיה להי' לשם.

**פשטות** קען זיין, אז אין מקרא מגילה איז נישטא קיין שם, דעם אייבערשטן'ס נאמען ווערט נישט דערמאנט אין מקרא מגילה, ס'איז באהאלטן. אזוי ווי דעם אייבערשטן'ס נאמען בעצם איז באהאלטן, ווען מ'וויל זאגן דעם שם הוי' זאגט מען עם נישט ארויס, ס'איז נאר באהאלטן, מ'זאגט נאר שם א-ד-נ-י (פסחים נ.). די מגילה איז והיה להי' לשם, ס'איז אזוי ווי דעם אייבערשטן'ס נאמען וואס מ'זאגט נישט ארויס נאר ס'איז באהאלטן אינעווייניג. יעדע "המלך" אין די מגילה, יעדע שם הוי' וואס ס'איז דא אין די ראשי תיבות און די סופי תיבות, איז באהאלטן.

מקרא מגילה דאס איז והיה להי׳ לשם, דאס איז אזוי ווי דעם נאמען פונעם אייבערשטן.

**קען** אפשר זיין נאך א ענין דעריך, ווייל ס׳שטייט אין הייליגע ספרים, אז די י״ג מדות שהתורה נדרשת בהן איז א קעגן די י״ג מדות של רחמים. יעדע מדה וואס די תורה ווערט געדרש׳נט איז אקעגן איינע פון די מדות פון די שלש עשרה מדות. [היינט בין איך אויפגעשטאנען מיט דעם מאמר חז״ל, וזכר לנו היום ברית שלש עשרה, דער באשעפער זאל אונז געדענקען דעם ברית פון שלש עשרה מדות]. די ערשטע מדה, קל וחומר, קעגן וועלכע שם איז מכוון, דאס ווענדט זיך ווי מ׳הייבט אן צו רעכענען די שלש עשרה מדות. ס׳איז דא א מחלוקת אין תוס׳ (ראש השנה יז:) צי ה׳ ה׳ איז צוויי עקסטערע מדות און א-ל איז שוין די דריטע מדה, צי ה׳ ה׳ איז איין מדה, ה׳ וואס ער איז ה׳ דאס איז די ערשטע מדה, און א-ל איז די צווייטע מדה, צי ה׳ ה׳ איז אינגאנצן נישט קיין מדה, ס׳הייבט זיך אן ביי א-ל רחום וחנון. עכ״פ דער רבינו ניסים האלט, אז ה׳ דעם אייבערשטנס נאמען דאס איז די ערשטע מדה. קומט אויס א ק״ו איז מעורר די מדה פון שם הוי׳, ווייל ק״ו איז דאך די ערשטע מדה פון שלש עשרה מידות שהתורה נדרשת בהן, און דאס איז קעגן די ערשטע מדה פון די שלש עשרה מידות.

**דער** גאנצער ענין אז מ׳ליינט די מגילה, וויאזוי האבן די חכמים געקענט מוסיף זיין אויף דעם וואס ס׳שטייט אין די תורה, מוז דאך זיין אז זיי האבן געדרש׳נט א ק״ו. א ק״ו איז דאך אקעגן די מדה פון שם הוי׳. איז והיה להוי״ה לשם, זו מקרא מגילה, אז מ׳וועט אריינרעכענען דעם שם דאס איז דער ה׳, דעמאלטס איז דאס א קעגן מקרא מגילה, ווייל מקרא מגילה איז פון א ק״ו וואס ס׳ווערט געדרש׳נט פון דעם שם ה׳. קומט אויס ווען אידן ליינען די מגילה, קומט אראפ א התעוררות פון שם הרחמים דא אויף די וועלט!, ווייל דער גאנצע ענין פון מקרא מגילה נעמט זיך פון די מדה פון ק״ו וואס איז מכוון אקעגן ה׳.

**אז** מ׳רעכנט א-ל איז די ערשטע מדה, און מקרא מגילה נעמט זיך דאך פון דעם ערשטן שם, איז דאך דאס פון שם א-ל, א-ל ברענגט רפואות, א-ל נא רפא נא לה (במדבר יב-יג), קומט אויס אז מקרא מגילה האט א כח אין זיך ס׳זאל ברענגען רפואות פאר אידישע קינדער. איך האב געזעהן שטיין, אז פוריי״ם, צוויי מאל פור,

באטרעפט אזויפיל וויפיל ורפא ירפא (שמות כא-יט), לויט דעם איז דאס פארשטענדליך, ווייל פורים איז מעורר די מדה פון א-ל, און די מדה פון א-ל איז דאך א-ל נא רפא נא לה, ברענגט עס רפואות.

**קומט** אויס אז די פורים וואס אידן האבן געליינט די מגילה, וואס דער גאנצער יו"ט איז צוזאמגעשטעלט פון קל וחומר, וואס ק"ו איז אקעגן דעם ערשטן שם פון די שלש עשרה מידות של רחמים, אדער איז דאס אקעגן שם הוי' איז דאס מעורר רחמים, אדער איז דאס אקעגן דעם שם א-ל איז עס מעורר רפואה. קומט אויס אז פורים איז דא דער כח פון כל הפושט יד נותנים לו, ווען א איד דארף האבן רחמי שמים, ווען א איד דארף האבן רפואה, האט ער דעם כח דורך דעם ענין פון פורים, וואס פורים ווערט גע'דרש'נט פון א ק"ו, ס'זאל נמשך ווערן רפואות און ישועות.

**א איד דארף האבן קינדער, און קינדער מיינט נישט נאר סתם לעבעדיגע קינדער, קינדער מיינט האבן ערליכע קינדער, זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, אז נישט איז די קינד נישט קיין ברכה, א ברכה פון א קינד איז נאר אז מ'קען מחנך זיין אידישע דורות, אזוי שטייט אין הייליגן אור החיים הק' (פ' ויגש), אז ווען מ'האט געזאגט פאר יעקב'ן אז יוסף לעבט איז דאס אים נישט געווען קיין בשורה, ווער ווייסט ווי אזוי יוסף קוקט אויס אין מצרים, ביז ער האט געזעהן נאכדעם וויאזוי יוסף קוקט אויס, ערשט דעמאלטס איז געווארן ביי אים א שמחה אז יוסף לעבט. זאגט ער, ווייל א בן מביש, א קינד וואס פארשעמט דעם טאטען, איז גארנישט קיין שמחה פאר עלטערן. קומט אויס אז דער אייבערשטער בענטשט אונז מיט די ברכה פון האבן קינדער, מיינט עס אזעלכע קינדער וואס מ'זאל זיך קענען שטאלצירן מיט זיי!, וואס קענען זיין עבדי ה' עבדים פאר'ן אייבערשטן!. אין די הייליגע ספרים שטייט, והימים האלה 'נזכרים' ונעשים (אסתר ט-כח), ס'ווערן געבוירען זכרים דורך הימים האלה, דורכדעם איז מען בכח ממשיך צו זיין א ברכה אויף בני וואס א איד דארף האבן.**

**איך** האב געלערנט די גמרא אין מגילה, די גמרא (כא:) רעדט פון די ברכות וואס מ'דארף זאגן אויף מקרא מגילה. זאגט די גמרא אז מען מאכט דריי ברכות, על מקרא מגילה, און די ברכה פון שעשה ניסים, און די ברכה פון שהחיינו. און די גמרא געט דערויף א סימן, מנ"ח, דער מ' איז מקרא מגילה. דער נ' איז ניסים, דער

ח' איז שהחיינו. עס ליגט אין דעם א רמז, וואס איז די ברכה וואס מען איז ממשיך פון מקרא מגילה, דער סימן איז מנ"ח, מנוח האט נישט געהאט קיין קינדער, און דער אייבערשטער האט אים צוגעשיקט א מלאך און האט אים געזאגט אז דו וועסט האבן א קינד. און וואספארא קינד וועסטו האבן?, א קינד וואס וועט זיין א נזיר אלקים (שופטים יג-ז), אפגעשיידט פאר'ן אייבערשטן, שמשון הגבור וואס האט געהאלפן פאר אידן איז געבוירען געווארן פון די ברכה. די ברכה פון מגילה איז מנ"ח, מ'קען געהאלפן ווערן מיט גוטע קינדער!. קומט אויס אז אין יו"ט פון פורים ווערט נתעורר דער שם הוי' וואס איז אקעגן ק"ו, ס'ווערט נתעורר די מידה פון א-ל וואס איז אקעגן רפואה, און די ברכות מנ"ח, וואס איז אקעגן די ברכה פון בנים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן מיר זאלן געהאלפן ווערן יעדער איינער מיט 'בני חיי ומזוני', מ'זאל האבן וואוילע ערליכע קינדער. די וואס דארפן געהאלפן מיט קינדער זאל זיי דער אייבערשטער געבן זרעא חיא וקיימא, און די וואס האבן קינדער דארפן דאך א גרעסערע ברכה, אז דער אייבערשטער זאל געבן אז זיי זאלן קענען זעהן קינדער וואס זענען עוסקים בתורה ובעבודת ה', קינדער וואס זענען ערליך וואס רוקן זיך נישט אוועק פונעם דרך המסורה, מ'גייט אין דעם ריכטיגן וועג וואס די עלטערן האבן מחנך געווען, און מ'זוכט נישט קיין נייע מהלכים, קיין נייע וועגן וואו צוגיין, ווייל דער וואס זוכט א נייער וועג, דער פאלט אדורך, ס'איז נישטא קיין בעסערס וואס אונזערע עלטערן האבן אונז מחנך געווען.

**עטיך** זענטס יונגע בחורים, עטיך פארשטייטס נישט קיין סך, מיר רעדן פון א דור וואס איז עלטער פון ענק מיט איין דור און מיט צוויי דורות, מיר זענען מיר שוין אדורכגעגאנגען ענקערע יארן אויכעט, מיר האבן געהאט די זעלבע נסיונות וואס עטיך האטס, אפשר שווערער און אפשר גרינגער, איך ווייס נישט, אבער עכ"פ ס'איז אדורכגעגאנגען, מיר האבן זיך אלץ געהאלטן צו די דרכי אבות, און היינט ווען מיר קוקן זיך אן מיט א ווייסע באַרד, קוקט מען ווי גליקליך מיר זענען, מיר האבן נישט איבערגעלאזט דעם וועג פון אונזערע עלטערן. נישטא אזעלכע גליקליכע ווי דער כלל ישראל, די וואס האבן זיך געהאלטן על דרך ישראל והמסורה, די זענען די גליקליכע מענטשן אינעם כלל ישראל!, די אלע וואס זענען אוועקגעגאנגען, זענען פארווארפענע נשמות, צעבראכענע מענטשן,

**אדורכגעפוילט אינעווייניג און צעבראכן דורך און דורך אין זיך, זיי האבן נישט קיין שמחת החיים, ס'איז נישט מעגליך קיין שמחת החיים, ס'איז נישט מעגליך נאך אזא שמחה ווי א איד וואס זיצט פורים ביינאכט אין ביהמ"ד און ער פריידט זיך מיט'ן אייבערשטן, ס'איז נישטא קיין גרעסערע שמחה פון דעם! - און דאס קען נישט זוכה זיין נאר ווען א איד פירט זיך ערליך און ער גייט בדרכי אבות, ער טראכט נישט צו זוכן בעסערע וועגען, ער פריידט זיך אז ער קען גיין און ממשיך זיין אין דעם וועג וואס אונזערע אבות האבן געהאט מסי"נ, וואס אונזערע אבות האבן דאס שוין אויספרובירט, זיי האבן שוין אויסגעטרעטן א וועג פאר אונז.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן דער יו"ט פון פורים זאל ברענגען די ברכות וואס ס'איז געווען ביי מנוח, הנך הרה וילדת בן, די עצם ברכה צו האבן קינדער, און די ברכה אז דו זאלסט האבן א קינד וואס וועט נישט נאכגיין נאך תאוות עולם הזה, נישט נאכגיין נאך טרינקן וויין און עסן גפן, נאר ער וועט זיין א נזיר אלקים, אפגעשיידט פארן אייבערשטן, ער וועט זיין קדוש להי, הייליג פארן באשעפער, דאס איז די ברכה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן מיר זאלן זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן זיין צוגעבינדען צו תוה"ק, צוגעבינדען צו דרכי אבות, נישט אוועקגיין פון דעם וואס מ'האט געלערנט ביי אונזערע עלטערן, מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות וואס זענען כתובות בתורה. וראה בנים לבניך שלום על ישראל, ערליכע אידישע דורות, און זוכה זיין אלע אינאיינעם מיט אונזערע קינדער אקעגן צוגיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

# שיחה ה׳

**אזמרה לאלקי בעוד"י, היינו במה שיש עוד ביכלתו לעבור את ה׳ - לא ילין**
**חלב חג"י נוט׳ ח׳לקינו ג׳ורלנו י׳רושתינו - לעורר בלבבנו גודל יקרת נפשינו**

**אהללה** ה׳ בחיי אזמרה לאלקי בעודי (תהלים קד-לג). וואס האט מען דא געזאגט, איך דאנק דעם רבוש"ע אין מיין לעבן, איך דאנק דעם אייבערשטן ביז ווילאנג איך בין דא. אמאל איז דא וואס א מענטש גייט אים גוט, ס׳פעלט אים גארנישט, ער האט אלע עניני עוה"ז וואס ער דארף. ער האט רוחניות, ער לערנט און דאווענט, ער פילט אז ער שטייגט פון טאג צו טאג אין עבודת ה׳, און ער דאנקט דעם רבוש"ע!, רבוש"ע איך דאנק דיר אויף די גוטס וואס דו טוסט מיט מיר, דו האסט מיר געגעבן פרנסה, דו האסט מיר געגעבן א טעם אין דאווענען, א טעם אין לערנען, ער איז גליקליך - און ער דארף טאקע זיין גליקליך אז דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער קען לעבן אויף די וועלט און האבן עולמך תראה בחייך, תענוגי עולם הבא האט ער אויף די וועלט, און ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט וואס ער דארף, ס׳פעלט אים גארנישט, - דאס איז נישט קיין חידוש צו דאנקען דעם רבוש"ע ווען א מענטש האט אלעס.

**א** איד דארף דאנקען דעם אייבערשטן אפילו ער האט נישט מער אויף די וועלט, נאר דאס וואס ער לעבט!, ער האט גארנישט, ס׳איז אים ליידיג די שטוב. ער איז אליין ליידיג, ער פילט נישט אז ער טוט עפעס אויף אין עבודת ה׳. ער פילט אז ער גייט אדורך א ליידיג לעבן. אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן לעבן, דארף ער וויסן אז ער טוט דעם רצון ה׳ וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן לעבן אויף די וועלט, וואס דעם אייבערשטנס כוונה איז, און וויאזוי דער אייבערשטער וויל אז ס׳זאל אדורכגיין, טו איך דעם רצון ה׳ וואס דער אייבערשטער וויל.

**מ׳לעבט** היינט אין א תקופה, מ׳זעהט אלטע אידן, דער אייבערשטער זאל זיי געבן לאנגע און געזונטע יארן, האבער אטייל מאל האט ער נישט עפעס אנדערש אין דעם לעבן, נאר אז ער לעבט... נישט דעם קאפ צו לערנען, צו דאווענען, צו טוען מצוות וכדו׳, אבער ער לעבט! - און אויף דעם לעבן איז מען מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין, און ווען ס׳איז א שאלה פון פיקוח נפש אין שבת, איז מען מחלל שבת אויף דעם לעבן פון א איד וואס קען נישט טוען קיין שום מצוה, ער קען נישט לערנען ער

קען נישט דאווענען, אבער ער וועט לעבן אויף די וועלט נאך א שעה, חיי שעה, איז מען מחוייב מחלל שבת צו זיין!, זעהט מען וואס דאס מיינט "לעבן" פון א איד.

**א איד דארף דאנקען דעם אייבערשטן נישט נאר אויף די טובות וואס ער האט אים געגעבן צום לעבן. ער דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף זיין נשמה וואס ער האט אראפגעשיקט אויף די וועלט, דו ווייסט דאך רבוש"ע וואס איך דארף אויפטוען אויף די וועלט, פארוואס דו האסט מיך אראפגעשיקט... אהללה ה', איך דאנק דעם אייבערשטן 'בחיי', אפילו אויפן לעבן אליין. אפילו איך האב גארנישט צו דעם לעבן, איך האב נאר דעם לעבן אליין דאנק איך דעם אייבערשטן.**

**און ביי א געזונטער מענטש, אפילו ווען יעצט האט ער נישט אלעס, אבער מ'האפט דאך צום אייבערשטן, מ'איז דאך מתפלל, מ'בעט דער אייבערשטער זאל געבן אז ס'זאל קומען בעסערע צייטן, עפעס א בעסערע גשמיות, זיך קענען דערהייבן אין רוחניות. דאנקט ער דעם אייבערשטן, אזמרה לאלקי, איך טו לויבן דעם אייבערשטן, בעודי, מיט וואס איך קען נאך האבן, אפילו יעצט האב איך עס נאך נישט, אבער איך קען עס נאך האבן, עוד, איך קען עס נאך האבן, דאנקט ער דעם רבוש"ע. אהללה ה', ער דאנקט דעם אייבערשטן 'בחיי', אפילו ווען יעצט האב איך גארנישט, איך האב נאר דאס לעבן אליין, און אזמרה לאלקי, איך זינג פאר'ן אייבערשטן, בעודי, מיט דעם וואס דער אייבערשטער קען מיר נאך צוגעבן, איך קען נאך האבן, אויף דעם דאנקט ער דעם אייבערשטן.**

**א'זמרה** ל'אלקי ב'עודי איז די ראשי תיבות אב"ל, אפילו ווען א מענטש איז צוגעלייגט, ער שפירט נישט אז ער איז מצליח אז ער האט שוין דערגרייכט וואס ער דארף, אבער מיר האבן א געוואלדיגן עתיד, מיר גייען נאך לעבן אי"ה א סאך יארן אויף די וועלט און מיר גייען נאך אסאך קענען אויפטוען אין אונזער לעבן. און אפילו מ'האט דאס נאך נישט ערגרייכט אין דעם לעבן וואס מ'האט ביז יעצט געהאט, אבער אזמרה לאלקי, איך טו לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס דער אייבערשטער געט מיר לעבן, אז בעודי, איך וועל האבן עוד, איך וועל האבן נאך, אפילו יעצט האב איך נישט, מארגן איבערמארגן וועל איך האבן, יש מחר לאחר זמן, און אויף דעם דארף א איד דאנקען דעם אייבערשטן שטענדיג.

**מיט** וואס געזעגנט מען זיך פון פורים, מיט אהללה ה׳ בחיי אזמרה לאלקי בעודי, מיר וועלן נישט דאנקען דעם אייבערשטן נאר אין דעם טאג פון פורים, מיר גייען דאס מיטנעמען אי״ה אויף א גאנץ יאר, מיר גייען דאנקען דעם אייבערשטן שטענדיג, מיר גייען זינגען צום רבוש״ע ווילאנג מיר האבן נאך א שטיקל לעבן, בעודי, ביז ווילאנג ס׳איז נאך דא עפעס אויף דעם עולם וועלן מיר דאנקען און לויבן פארין אייבערשטן. יעדן טאג דארף א איד מהלל זיין דעם אייבערשטן, ער קומט צופרי אין ביהמ״ד דארף ער דאנקען דעם רבוש״ע, ער איז אויפגעשטאנען, ער האט געקענט אראפטרעטן פונעם בעט, און אלע אברים באוועגן זיך, און ער קען קומען אין ביהמ״ד דאווענען, וויפיל איז ער שולדיג הכרת הטוב וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן לעבן, און ער געט אים נאכדעם אז ער קען ארויסגיין און שאפן פרנסה, און מער ווי פרנסה, וואס ער דארף צו האבן.

*

**לא** ילין חלב חגי עד בוקר (שמות כג-יח). חג״י איז די נוטריקון חילקנו ג׳ורלנו י׳רושתינו, דאס איז חלב חג״י, דאס איז דער בעסטער חלק וואס מיר האבן, אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה ירושתינו. אבער לא ילין מ׳זאל עס נישט לאזן איבערנעכטיגן עד בוקר, מ׳זאל עס מיטנעמען מיט זיך, מיטנעמען דעם אשרינו מה טוב חלקנו.

**מיר דאנקען דעם רבוש״ע, דו האסט אונז באשאפן אויף די וועלט און דו האסט אונז אויסגעקליבן פון כל עם ולשון, מיר זענען די הייליגסטע פאלק וואס ס׳געפינט זיך אויפ׳ן כדור הארץ, מיר זענען דעם עם הנבחר דער אויסגעוועלטסטער פאלק, מיר וועלן זיין דער פאלק וואס וועט בלייבען נאכדעם וואס אלע אומות העולם וועלן אונטערגיין. יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשינו בישועתך באמת באמור לציון מלך אלקיך במהרה דידן בביאת המשיח אמן.**